STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11494

NUSEH Y. RAPOPORT

Mosheh Ayzenbud

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1/XX IN FEB 26 1977

מ. אייזענבוד

נוסח י. ראַפּאָפּאָרט

מעלבורן, אויסטראַליע

1967

נוסח י. ראַפּאָפּאָרט

דער וועג פון שעפערישער אויסווירקונג, און דאָס אָרט פון שרייבער אין דער ליטעראַטור, נעמען זיך אויספורעמען אומבאַוואוסטזיניק שוין אין זיינע פריע שאַפונגען. זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, ווי זיין קינסטלערישע רייפקייט, שטאַמען פון זעלבן אינערלעכן קוואַל פון אָנרעגונג, טעמפעראַמענט, אויפנאַמספעאיקייט, אינספּיראַציע און קולטורעלן באַגאַזש. קינסטלערישע שלימות דערגרייכט אָבער דער שרייבער דאַן ווען ער אַנטוויקלט זיין גייסטיקע באַגאַבונג צו דער מדרגה פון שפּראַך־ראַפינירטקייט, קלאָרקייט און דערמיט — די פּערפעקציע פון אויסדרוק.

דעמאָלט גייט ער שוין זיין באַוואוסטזיניקן וועג אין דער ליטעראַטור. דער שרייבער, פאַר וועמען ליטעראַטור איז ניט קיין צופעליקע שפּילעריי אין עסטעטישן וואָרט־שפּיל, נאָר איז אַ טייל פון זיין לעבן — בעסער געזאָגט — זיין גאַנץ לעבן, ווערט ער אויך דער באַראָמעטער צו מעסטן אָט די דאָזיקע ליטעראַטור.

אַזוי דערשיינט פאַר אונדז דער ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט — יהושע ראַפּאָפּאָרט.

זיין נאָמען איז פאַרבונדן מיט פופציק יאָר אויפברויז, פאַנאַנדערשטורעם, פלאַמיקן גליי און שיף־ברוך פון דער יידישער ליטעראַטור.

צונויפגעוואַקסן ביז לעצטן וואָרצל מיט דער מאַמע־ערד, וואָס הייסט יידישע ליטעראַטור, האָט י. ראַפּאָפּאָרט געבליט מיטן פרילינג, געוואַקסן מיטן זומער און גערייפט אין גאָלדענעם האַרבסט פון דער ליטעראַטור צווישןביידע וועלט־מלחמות — שטייט ער אַצינד ווי אַ שטאָלצער דעמב ביים ראַנד פון אונדזער ליטעראַטור. ער שטייט כמעט איינזאַם, אָבער זיין שטאָלצער באַזילבערטער קאָפּ בייגט זיך ניט.

דער גייסט — דורכגעגליט און אויסגעהאַמערט אין פייער פון ליטעראַרישע דיסקוסיעס און אַמפּערנישן, און פאַרהאַרטעוועט אין גלויבן פון דעם, וואָס עס מיינט אַ קינסטלערישע, עכט־שעפערישע ליטעראַטור און אירע עיקרים — דער דאָזיקער גייסט איז נאָך אַלץ אומבויגזאַם, ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

אומדערשיטערט אין זיין קאמפראמיסלאזן גלויבן וואס יידישע ליטעראטור מוז זיין, באוואפנט מיט א גרינטלעכער ערודיציע און קענטשאפט אין ליטעראטורן פון וועלט־פארנעם — האט זיין שארפע, טעמפעראמענטפולע פעדער געבראכט צום אויסדרוק אט דעם גלויבן.

איינע פון י. ראפאפארטס מעלות — און ער האט זיי ניט וויניק — וואס רופט ארויס (ווייל עס מוז ארויסרופן) אכטונג צו אים, איז די מעלה וואס ער אליין נעמט איין די זעלבע מעדיצין, וועלכע ער פאר־שרייבט אין משך פון פופציק יאר פאר אנדערע.

בלעטערן מיר י. ראפאפארטס ביכער, געפינען מיר דארטן אן א שיעור פאזיטיווע, פריידיקע אפשאצונגען.

דער קריטיקער פרייט זיך מיט די עכטע טאלאנטן וועלכע דער־הייבן אונדזער ליטעראטור. אים ווערן נאענט די קינסטלער וועלכע האבן אריינגעבראכט שעפערישקייט, עכטקייט און טאלאנט. אויב עמיצער וועט דערויף באמערקן: די דאזיקע אפשאצונגען זענען ניט צאלרייך — איז עס דען די שולד פון קריטיקער?

ווי א מאמע וואס וויל זען דאס בעסטע פאר איר קינד, ווייל עס זען דערפאלגרייך אין לעבן — אזוי וויל דער קריטיקער זען די ליטע־ראטור.

ערלעך איז זיין גאנג אין לעבן, ערלעך איז זיין ליטעראַרישע מאס און וואג, זיצט דער זקן־הקריטיקער ביי זיין שרייב־טיש און יעדן טאג שמידט ער צו נאך א רינג צו דער קייט, מיט וועלכער ער האט זיך פרייוויליק צוגעשמידט צו דער יידישער ליטעראטור.

* * *

אין דער דאזיקער זאמלונג קומען אריין אפשאצונגען פון י. רא־פאפארטס ביכער וועלכע זיינען דערשינען פאר די לעצטע צען יאר. געוויס האבן פופציק יאר שרייבערישע טעטיקייט פון י. ראפאפארטן פארדינט א פולע אפשאצונג. ליידער איז עס ניט מעגלעך צו טאן ביי די באדינגונגען, ביי וועלכע עס קומט אויס צו שרייבן. און אויב אפילו אזא עקשן וואלט זיך געפונען, וואלט ער דען געהאט די מיטלען אזא ארבעט ארויסצוגעבן?

בין איך דעריבער דאנקבאר דעם פארערער פון י. ראפאפארט, מיין חבר און פריינד הערשל באכראך, פאר ארויסגעבן די דאזיקע קליינע זאמלונג.

דער מענטש איז געבליבן גאַנץ

„אויסגעריסענע בלעטער"

אין זיין בוך „אויסגעריסענע בלעטער" האָט י. ראַפּאָפּאָרט אַוועק־געשפּאַנט ווייט אַריבער די גרענעצן פון ליטעראַטור־קריטיק. דער הויפּט־מאָטיוו אין בוך איז בענקשאַפט, בענקשאַפט נאָכן גאַנצן מענטשן, נאָכן גאַנצן יידן — בענקשאַפט נאָכן גרויסן דיכטער וואָס זאָל אונדזער ליטעראַטור אויפהייבן, דערוואַרעמען און באַגייסטערן. ראַפּאָפּאָרט בענקט נאָכן גייסטיקן פלאַם, וואָס זאָל דינען ווי אַ לייכט־טורעם, ווי אַ וועגווייזער פאַר דער באַשעדיקטער, דורכגעלעכערטער שיף, וואָס ניט געקוקט אויפן דורכגעמאַכטן שטורעם, שווימט זי נאָך אויף די וואַסערן, איר פעלט אָבער די קראַפט אַליין צו שטייערן צו אַ געוויסן ציל און זי לאָזט זיך טראָגן פון צופעליקע שטראָמען. אין יעדן דיכטער זוכט י. ראַפּאָפּאָרט אַ נייעם פּרץ, אַ נייעם ביאַליק... ראַפּאָפּאָרט בענקט נאָכן דיכטער, וואָס זאָל אַריינבלאָזן אַ נייעם אינהאַלט אין אונדזער אויסגע־הוילט ליד.

זיינע בענקשאַפט־געפילן נאָך אַ נאַציאָנאַלן דיכטער, אַ צווייטן ביאַליק, האָט י. ראַפּאָפּאָרט פאַרבונדן מיטן נאָמען — יעקב גלאַטשטיין.

„גלאַטשטיינען איז באַשערט געווען אַ גרויסע עליה — צו ווערן פון אַ וואָרט־עקסצענטריקער — אַ נאַציאָנאַלער דיכטער, אַ גרויסער דיכטער, פון גרויסן חורבן". (זייט 137).

אין אַן עסיי פון 47 זייטן באַווייזט אונדז י. ראַפּאָפּאָרט די דאָזיקע אומוואַנדלונג („פון אַ זילב־עקסצענטריקער ביז אַ נאַציאָנאַלן דיכ־טער").

ביים לייענען אָט דעם עסיי, הייבט מען אָן גלייבן, אַז גלאַטשטיין האָט אונדזער חורבן איבערגעלעבט טיף, מיט אַלע צאַפּלענישן פון זיין נשמה און אים איז געלונגען אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם פון ליד אַרויסברענגען דעם צער וואָס האָט אויפגעטרייסלט זיין און אונדזער געמיט. איז דאָך דאָס די העכסטע מדרגה פון דיכטונג, ווען דער

דיכטער רופט אַרויס ביים לייענער די זעלביקע געפילן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט בשעתן שרייבן דאָס ליד.

אָבער ביים לייענער דעם דיכטער גופא, נעמען זיך פאַרגנבענען צווייפלען. עס דאַכט זיך אַז אין די אַלע לידער, איז געבליבן דער קלוגער, ראַפינירטער גלאַטשטיין, וואָס יאָגט זיך תמיד נאָך אַ ניי וואָרט, אַ נייעם שמעטערלינג.

וואָרן וואָס איז דיכטונג? י. ראַפּאָפּאָרט פאַרטייטשט עס:

„דיכטונג מוז ניט דווקא רעדן קלאָר צום מוח, ד.ה. פאַרמאָגן באַגריפלעכע קלאָרקייט; זי קאָן — און מוז — רעדן אויך (אָדער נאָר) צום געמיט, צו די עמאָציעס, ניט קאָנענדיק עס אויסטייטשן קלאָר פאַרן אינטעלעקט; אָבער צום געמיט, צו די עמאָציעס מוז זי רעדן קלאָר. דאָס געמיט זאָל זיך פילן געזעטיקט, און ניט גערייצט" (זייט 145).

גלאַטשטיין פאַרמאָגט אַ גוטע שריפטשטעלערישע טעכניק (ווי אין בוך „ווען יאָש איז געפאָרן"), אָבער:

„גוטע שריפטשטעלערישע טעכניק איז ניט תמיד אַ באַגלייט־דערשיינונג פון גרויסער עכטער ליטעראַטור" (זייט 322).

גלאַטשטיינס שרייבן איז ווי אַ רויטע, אויסגעשאָסענע ראַקעטע: אין מאָמענט פון אויפרייס, רופט זי אַרויס דעם געוואונטשענעם עפעקט, וואָס פאַרשווינדט אָבער שנעל, און פעלן — פעלט עס אונדז ניט. אָן עכטער נאַציאָנאַלער דיכטער איז ווי אַ פשוט עלעקטריש לעמפל — עס באַלייכט תמיד אונדזער וועג אין דער פינצטער.

אין זיין בוך „שטראַלנדיקע יידן", וואָס פאַרמאָגט עכטע, איבער־צייגנדיקע לידער וועגן אונדזער גרויסן חורבן, קאָן זיך אָבער דער 50־יאָריקער גלאַטשטיין (דאָס בוך איז דערשינען אין 1946) ניט באַ־פרייען פון זיינע קונדייסערייען פון „קוקע־נאַכט" און אין זיין ליד „דער בראַצלאַווער אין אַ נאַכט פון ירידה", אויף זייט 26, טוט ער אַ זאָג:

איכעלע, וויש זיך אָפּ דאָס נעזעלע.
זיי ניט אַזוי פאַרריסן ביי זיכעלע.

אָדער אויף זייט 30:

איך דערווייטער זיך פון דיר אַלץ נענטער.

אָדער:

כ'בין דיר געטריי,

דער מענטש איז געבליבן גאַנץ

דיין באַזונדערניש איז אַ געבענטשטער גאָרטן
אַנטקעגן מיין ווייסטעניי.

יעקב גלאַטשטיין וואָלט געקאָנט פּרעטענדירן אויף דער קרוין פון ח. נ. ביאַליק, ווען ער וואָלט געקאָנט זאָגן וועגן זיינע לידער:

ניט פון הפקר איז ס'ליד מיר געקומען
ניט פון טאַטן בירושה געקראָגן;
נאָר פון אייגענעם פעלדז אים געשפּאָלטן,
פון מיין האַרצן אַרויס אים געשלאָגן.
(ח. נ. ביאַליק: „לידער און פּאָעמען", זייט 136).

גלאַטשטיינס לידער זיינען ניט פון האַרצן אַרויס, נאָר פון אונטער אַ קלוגער, שטיפעריש־ראַפינירטער, גייסטרייכער פעדער אַרויס.

* * *

י. ראַפּאָפּאָרט איז אַ וועלטלעכער ייד. עס איז דעריבער צו באַוואונדערן די צאַרטקייט וואָס מיט איר וועבט ער אַליין די נשמה־פעדים פון יחיאל לערער, אין אַ פּרום געדאַוונטן עסיי, וועגן לערערס בוך: „מיין חרובע היים". בשעת מיר לייענען דעם דאָזיקן עסיי, פאַרגעסן מיר אַז דאָס איז ליטעראַטור, און מיר דאַוונען מיט דאָס שטילע געזאַנג. ניט נאָר דער קריטיקער ווערט מיטגעריסן, עס געלינגט אים אויך אונדז — די לייענער — מיטצורייסן און באַגייסטערן פאַר אַ טיף־עמאָציאָנעלער פּאָעמע ווי ס'איז לערערס „מיין חרובע היים".

און דאָ — וואָלט איך געזאָגט — ליגט דער סוד פון עכטן, שעפערישן קריטיקער:

צו פאַרקניפּן די פעדים פון דעם דיכטערס נשמה מיטן לייענערס אין איין גאַנצקייט. דער לייענער זאָל פאַרגעסן אַז פאַר אים ליגט **אַ בוך, נאָר ס'זאָל זיך אים דאַכטן:** דאָס געזאַנג קומט פון די טיפעניש פון זיין אייגענעם איך.

* * *

צו די פאַרשידענע פונקציעס וואָס אַ קריטיקער פירט אויס אין דער ליטעראַטור, דאַרף מען אויך צורעכענען די פונקציע פון אַ ליטע־ראַרישן סייסמאָגראַף.

מיר שטייען אויף אין דער פרי, און די צייטונג דערציילט אונדז אַז אַרום דריי ביינאַכט, ווען מיר זיינען רואיק געשלאָפן, איז פאָרגע־קומען אַן ערד־ציטערניש. מיר האָבן עס ניט געפילט, נאָר דער פרע־

ציזער, פילעוודיקער אַפּאַראַט — דער סייסמאָגראַף — האָט עס אויפגעכאַפּט און פאַרצייכנט.

אין איראָפּע, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד, זיינען נאָכן קריג דערשינען הונדערטער, אויב ניט טויזנטער ביכער אין יידיש, פּויליש, רוסיש, אונגאַריש, דייטש, יידיש מיט לאַטייניש ער שריפט — איבער־הויפּט פּאָעזיע. די נעכטיקע קאַצעטלער האָבן פון זיך אַרויסגעשריגן צו דער וועלט דעם ווייטיק, דער פּראָטעסט, זייער אומבאַהאָלפנקייט. זיי האָבן די געשעעניש ן געוואָלט אָפּטיילן פון זיך, כדי צו געפינען רו און גייסטיקן גלייכגעוויכט. צווישן די אַלע ביכער איז דערשינען אַ ביכל לידער פון חוה ראָזענפאַרב „די באַלאַדע פון נאָכטיקן וואַלד". און דער סייסמאָגראַף האָט אַ ציטער געטאָן. די נאָדל האָט זיך גענומען באַוועגן, און אויף צוועלף זייטן פאַרצייכנט די „מיסטעריע פון שע־פערישן וואָרט" (זייט 82).

דער חוש פון קינסטלער האָט דערשפּירט ריינע קונסט, אַרויס־געוואַקסן פון אינערלעכער באַדערפעניש. הגם די ערשטע לידער גע־הערן אַ 17־יאָריק מיידל, דערפילט אָבער דער קריטיקער די עכטע טענער, דורכגעוועבט מיט דיכטערישן ציטער. חוה ראָזענפאַרב איז אַ טאַלאַנטירטע קינסטלערין, און י. ראַפּאָפּאָרט האָט געפונען פאַר נייטיק זי אַריינצונעמען אין אָפּטייל „חורבן־ליטעראַטור" ביינאַנד מיט אַזוינע אָנערקענטע דיכטער ווי סוצקעווער, גראַדע און סעגאַלאָוויטש. דאָס איז אַ באַווייז, אַז דער קריטיקער האָט ניט גענומען אין אַכט דעם נאָמען פון מחבר (ווי דאָס ווערט אָפט פּראַקטיצירט), ווי אַ גאַראַנטיע פאַר אַ רייף ווערק, נאָר דאָס ווערק וואָס פאַר אים קומט אָנערקענונג.

ווי טיף י. ראַפּאָפּאָרט ווייטיקט איבערן חורבן צוזאַמען מיט די קינסטלער וואָס האָבן דעם חורבן איבערגעלעבט פּערזענלעך — אַזוי הויך פּראָטעסטירט ער קעגן די פאַרביליקער, קעגן די וואָס זיינען „אין טרעבלינקע ניט געווען" און האָבן פון דעסט וועגן די טראַגעדיע פון אַ פאָלק באַנוצט ווי מאַטעריאַל פאַרן ליד, כדי צו זיין מאָדערן, און גיין אין איינקלאַנג מיט דער צייט. צום צעטל פון די דאָזיקע דיכטער געהערט אהרן צייטלין. י. ראַפּאָפּאָרט זאָגט וועגן דעם, אויף זייט 193:

„ס'איז בלויז געווען אַ ווייטיק און אַ חרפּה, וואָס אַזוי פיל שריי־בער אונדזערע האָבן די פאָלקס־קאַטאַסטראָפע פאַרוואַנדלט בגוואַלד אין ליטעראַטור (אין אהרן צייטלינישן זין פון דאָזיקן וואָרט); בגוואַלד, און ניט על פּי אינערלעכן כוח. עס איז, ווי געזאָגט, שווער געווען צוגיין צו זיי מיט אַ ליטעראַרישער קריטיק: זאָל דער קריטיקער אויך

ליגן אויף זיי דעם שטעמפּל פון ליטעראַטור? אָבער צייטלינס ליד וועגן די פּאַרגאַזטע קינדער, לאָזט שוין ניט צורו. מען ווערט ממש אויפגעטרייסלט פון פאַלשע טענער".

וועגן צייטלינס ליד „אַ חלום נאָך מיידאַנעק" זאָגט י. ראַפּאַפּאָרט:

„האָט דען ניט געאַרבעט אויף אָט דער סצענע געליימטע פאַנ־טאַזיע, געכפּלט אויף הונדערט פּראָצענטיקער קריטיקלאָזיקייט? זיי ביידע, דער מלאך און דער דיכטער, נאָר מיטן שטויב פון צעשאָטענע ראַכיטישע כלומרשט־אידייען, און נאָך פרעמדע אָדער פאַרפרעמדטע דערצו: „מיין שליח הייסט ער, מיט זיין בלוט דערלייזט ער" און אהרן צייטלין איז דער גרעסטער קטיגור קעגן אַשן פאַר פאַרשפּרייטן קריסטלעכע אידייען! און וואָס איז דען די אידיי פון צייטלינס „חלום נאָך מיידאַנעק"?

„מען קאָן אפילו ניט זאָגן אַז דאָס איז ניט קיין דיכטונג, נאָר אַבסטראַקטע אידייען; עס זיינען קיין אידייען אויך ניט! דאָס זיינען אַ מאָל גוט — און אַ מאָל שלעכט־געגראַמטע מיספאַרשטענדעניש, זינלאָזע מיספאַרשטענדעניש אפילו פאַר פּובליציסטיק, בפרט פאַר דיכטונג" (זייטן 195־196).

אין די דאָזיקע שורות קומען צום אויסדרוק די געפילן פון אַ קינסטלער, ווען ער דערהערט דאָס ריפּען פון אַ פאַלשן מוזיקער, וואָס פאַרלאַנגט פאַר זיך די אַנערקענונג פון אַ ווירטואָז — און ניט ווינ־ציקער...

אַזאַ דיכטונג געהערט צו דעם מין פּראָפאַנאַציע פון הייליקייטן, וואָס ביי אַנדערע פעלקער וואָלטן אַזוינע דיכטער געשטעלט געוואָרן, אויב ניט פאַרן מלוכה־געריכט, איז לכל הפּחות פאַר אַ פאָלקס־געריכט.

* * *

דער אָריגינעלסטער עסיי אין בוך איז בלי שום ספק „שיילאָק — אַ נאַציאָנאַלער נקמה־נעמער". הגם אַרום דער דאָזיקער שעקספּיר־דראַמע „דער סוחר פון ווענעציע" איז אויסגעוואַקסן אַ היפשע ליטע־ראַטור, געשריבן פון פאַרשידענע שרייבער, יידישע ווי ניט־יידישע, אין פאַרשידענע צייטן — איז דער דאָזיקער עסיי אָריגינעל מיט זיין צוגאַנג צו דער שיילאָק־געשטאַלט, ווי דעם סימבאָל פון אַ גאַנצן, עכטן יידן — אַ נקמה־נעמער.

דער קריטיקער געפינט אין דער דאָזיקער געשטאַלט אַ דאַנקבאַרן מאַטעריאַל פאַר זיין טיפן אַנאַליטישן חוש, אַ ברייט פעלד, אַרויסצו־

ברענגען זיין וויסן און קענטעננישן אין דער פאַרצווייגטער שײלאָק־ליטעראַטור.

מען פילט — די דאָזיקע געשטאַלט האָט פאַרפאָלגט, אינטריגירט און געררייצט י. ראַפּאָפּאָרטס קריטישע חושים נאָך אַ סך, אַ סך פריער, ווי 1942, ווען די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אָנגענומען די קאָנקרעטע פאָרמען פון אַן עסיי; מען פילט אָבער אויך, אַז די טראַגישע טעג פון 1939־1942 זיינען געווען אַ שטויס, ווען דער קריטיקער האָט דערפילט אַז זיינע געדאַנקען זיינען שוין רייף ער זאָל זיי אַרויסברענגען אין רשות הרבים.

דער יידישער טעאַטער־באַזוכער וואָסביים זען די שעקספּיר פאָרשטעלונג געפינט ער זיך אויף אַ ניט זיכערן באָדן, זיך וואַקלענדיק צווישן זיינע פערזענלעכע געפילן (ווי אַ ייד) און דער אינטערפּרעטאַציע פון דער שײלאָק־געשטאַלט אויף דער בינע, באַקומט מיט אָט דעם עסיי „שײלאָק דער נקמה־נעמער" אַ קריטישע פּערספּעקטיוו, צו מעסטן די עכטקייט פון דער דראַמאַטישער געשטאַלט — שײלאָק.

* * *

כאָטש דער קריטיקער ברענגט אין איניקע עסייען צום אויסדרוק זיין אַנטוישונג מיט דער יידישער געזעלשאַפט פאַר איר גלייכגילטיקייט, טייל מאָל אפילו ביטול־באַציאונג צום יידישן שרייבער, פון דעסט וועגן האָט ער ניט פאַרלוירן זיין גלויבן אין מענטשן, אין מענטשלעכקייט. דער דאָזיקער גלויבן גיט אים מוט אין זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף קעגן דער אוממענטשלעכקייט, וואָס מען רעקאָמענדירט דער וועלט ווי דער סימבאָל פון מענטשלעכקייט.

עס איז דעריבער ניט קיין צופעליקייט, וואָס דער לעצטער עסיי אין בוך הייסט: „דער מענטש וועט בלייבן גאַנץ". עס איז ניט נאָר אַ סך־הכל פון אַ בוך עסייען — עס איז דער חשבון הנפש פונעם קריטיקער, פון זיין 40־יאָריקער ליטעראַטור־טעטיקייט, דער קאַמף פאַר דעם — דער מענטש זאָל בלייבן גאַנץ.

ווען מיר מאַכן צו די טאָוולען פון בוך, לאָזט זיך דער דערוואָרבענער איינדרוק רעזומירן מיט איין זאַץ:

דער מענטש איז געבליבן גאַנץ!

* * *

קריטיק געהערט צו די פּאַראַנטוואָרטלעכסטע פונקציעס אין דער ליטעראַטור. זי האָט די אויפגאַבע צו דערציִען אַ גוטן לייענער, דורך אַנאַליזירן און טיילמאָל פּאַנאַנדערשיפרירן די געדאַנקען פון שרייבער און דיכטער, זיי מאַכן צוגענגלעך פאַר לייענער און במילא אים אויפהייבן צום שרייבער.

און ווי אַ גאָלד־גרעבער וואָס וואַשט דורך הויפנס זאַמד, כדי צו געפינען אַן עכט קערנדל גאָלד, אַזוי זוכט אויך דער קריטיקער אויסצוגעפינען אין פּאָעט דאָס ווערטפולע קערנדל עכטקייט, וואָס שטייט אויף דער מדרגה פון קונסט. דער שרייבער, וואָס נעמט אויף זיך דעם יאָך פון זיין אַ קריטיקער, שטעלט זיך אין דער ראָל פון גדול־דיקן גאָלד־זוכער. ער ווייסט אַז נאָר פון די קערנדלעך טאַלאַנט קען באַשטיין אונדזער גייסטיקער אוצר — די יידישע ליטעראַטור. וואָרים וואָס איז ליטעראַטור? און י. ראַפּאָפּאָרט ענטפערט דערויף:

„ליטעראַטור איז בעיקר אַ זאַך פון האַרץ און געוויסן, און די קען זיך ניט און זי טאָר זיך ניט רעכענען מיט דער קאַלטער אויסרעכענונג פון נויטווענדיקייט און צוועקמעסיקייט. די לאָגיק מעג דערווייזן קלאָר, אַז מען מוז טאָן אַ געוויסע זאַך, אַז „אַזוי איז דאָס לעבן", אַז „אַזוי דיקטירט די נויטווענדיקייט", אָבער די דאָזיקע שטאָל־קאַלטע לאָגיק שניידט דאָס האַרץ און דאָס געוויסן פון מענטשן, און ער קלאָגט, און ער קלאָגט אָן — ער רעוואָלטירט קעגן דער נויטווענדיקייט, קעגן דעם גורל פון מענטשן וואָס האָט אַ האַרץ און אַ געוויסן אין אַ וועלט פון קאַלטע, האַרצלאָזע און געוויסנלאָזע נויטווענדיקייטן. און אָט דער צוזאַמענשטויס שאַפט די שענסטע, ווייל די עכטסטע ליטעראַטור". (זייט 326).

דעריבער שטייט שוין י. ראַפּאָפּאָרט קרוב פערציק יאָר אין קאַמף מיט די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט יידישער ליטעראַטור — הגם זיי האָבן נישט קיין האַרץ, און נישט קיין געוויסן...

* * *

די הויפּט־טעמאַטיק פון דער יידישער ליטעראַטור נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אָן שום ספק אונדזער גרויסער חורבן. אַנדערש האָט עס גאָרניט געקענט זיין. „דאָס וואָס גראָד די יידישע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור, פון דעם אָממייִנסטן געליטענעם פאָלק, ווייזט אַרויס אַזאַ לעבעדיקע רעאַקציע אויפן חורבן, איז איינע פון די אָפּטימיסטישע דערשיינונגען אין אונדזער האַלב־פאַרחלשטער ליטע־

ראַטור פון די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער". (זייט 48). **איז גוט וואָס י. ראַפּאַפּאָרט האָט אין זיין בוך אַריינגענומען דעם איינזאַמען דיכטער מיט אַ גרויס, פילבאַר האַרץ — ז. סעגאַלאָוויטשן. ער געהערט צו די וויניקע פון די יידישע דיכטער, וואָס כאָטש ער האָט זיך ניט געפונען דירעקט אין ביינער־טאָל, פון דעסט וועגן האָט ער טיף איבער־געלעבט דעם חורבן און עס פאַראייביקט מיט פשוטע, ניט געקינסטלטע ווערטער, אין זיין בוך „דאָרטן". פון סעגאַלאָוויטשעס ליד קלאָגט אַרויס אונדזער אַלעמענס געוויין. וואָרום דער חורבן אין זיינע לידער. דאָס איז ניט דאָס רויע ליים, וואָס טייל פּאָעטן האָבן באַנוצט צו אויס־פאָרמען זייער ליד (ווער בעסער און ווער ערגער) נאָר דאָס איז אַן אויסגוס פון עכטע, אוממיטלבאַרע געפילן פון אַ מענטשן, וואָס איז מיט זיין פאָלק געוועזן פאַרקניפּט און פאַרבונדן, אַזוי ענג, אַז נאָכן חורבן האָט ער זיך דערפילט אַן איבעריקער. און דער דיכטער פרעגט:**

וואו זיינען אונדזערע פריינד ניט געשטאָרבן?
אין טייגעס, אין לאַגערן וויסטע...
פאַר וואָס און פאַר ועמען דער קרבן?
מיין דור, מיין געפּלאָגטער... וואו ביסטו?
דער ווינט האָט אין קאַלטע מעת־לעתן
באַווינט זיי, די פּליטים, ביים לעבן,
דער ווינט ווייסט די לעצטע אַדרעסן,
און האָט זיי ניט וועמען צו געבן...
צי קען מען זיי אַלע דערמאָנען?

(„דאָרטן", זייט 62)

דער אַנאַליז וואָס י. ראַפּאַפּאָרט פירט דורך איבער סעגאַלאָווי־טשעס „דאָרטן" לאָזט זיך רעזומירן אין דעם אַפּזאַץ:

„איך וויל ניט זאָגן, אַז אַלץ אין די דאָזיקע פּאָעמעס איז גרויס אָבער דאָס וואָס עס איז גרויס אין זיי, איז גענוג צו געבן אַ דיכטערס נאָמען דאָס וואָס מיר רופן 'אומשטערבלעכקייט'." (זייט 77).

* * *

מיט דער פעדער, מיט וועלכער דער קריטיקער צעשמעטערט פאַלשע דיכטער, אָדער בעסער געזאָגט דיכטער וואָס מוטשען זיך צו שרייבן פּאָעזיע (ווי אהרן צייטלין: גראַם־שטראַם אין אַ מאָדערניסטי־**שער פאָרם — זייט** 192), **ווייל זיי זיינען ניט עכט און אָנגעבלאָזן —**

דורך דער זעלבער פעדער פליסט אַ שטראָם פון וואַרעמקייט פאַרן גאַנצן דיכטער אַלטער עסעלין. דורך דעם דיכטערס ליד פילט דער קריטיקער: „איך דערשפיר ממש ווי ער געניסט דעם זיס־ביטערן געטראַנק פון דיכטונג, פון זיין דיכטונג", און י. ראַפּאָפּאָרט פאָרמולירט אַ געדאַנק, וואָס איז אייגנטלעך אַן אַקסיאָמע פאַר אַ דיכטער: „דאָס געניסן דיכטונג איז די טרייבנדיקע קראַפט פון זיין דיכטונג. געניסנ־דיק זי — שאַפט ער". (זייט 197). און ווי קען מען זיך ניט באַגייסטערן מיט אָט דעם פיינעם ליד:

ווער סע האָט דיכטונג דערפונדן,
דער האָט דערפונדן גאָט.
נאָר דיכטונג היילט ניט די וואונדן
אויפן לייב פון מענטש־ראָבאָט...
פּאָעטן קענען ניט היילן,
טרייסטן קענען זיי יאָ;
נאָר קיין טרייסט, די לידער דערציילן,
איז פאַר דעם טרייסטער ניטאָ.

(פון בוך: „אונטער דער לאַסט", זייט 41).

* * *

„אויסגעריסענע בלעטער" איז דאָס בוך, אין וועלכן דער שרייבער דריקט אויס זיין בענקשאַפט נאָך אַ גייסטרייכער, וואָגיקער יידישער ליטעראַטור. אירע שעפער — הגם דראַסטיש פאַרקלענערט אין צאָל זייט דעם בלי־פּעריאָד — זיינען פון דעסט וועגן נאָך מסוגל צו שאַפן ווערטן פון אַ גוטער קוואַליטעט. די דאָזיקע ווערטן מויערט י. ראַפּאָ־פּאָרט אַריין ווי זיילן אין בנין פון דער ליטעראַטור.

צו זיין אַ יידישער שרייבער איז ניט לייכט היינט צו טאָג (כאָטש ווען איז עס יאָ לייכט געווען?!) — ניט ער האָט די סביבה, וואָס זאָל אים גייסטיק אָנוואַרעמען, דערמוטיקן דאָס שעפערישע אין אים, און ניט ער האָט דאָס געפיל, אַז עמיצער וואַרט אויף זיין שאַפונג. „דער יידישער שרייבער — זאָגט י. ראַפּאָפּאָרט (ז. 411) — לעבט איבער געפערלעכע מאָמענטן פאַר אַ פאַרטיידיקער פון אַ פאַראיינזאַמטער, איזאָלירטער פּאָזיציע". און נאָך: „עס האָט זיך פאַרגנבעט צו אים אַ ספק, צי איז ער ניט ממשיך אַמאָל אַליין אַ קריג, אין וועלכן אַלע האָבן שוין קאַפּיטולירט?" (ז. 412).

מיר פילן, אַז די דאָזיקע אמתע ווערטער קומען פון אַ האַרץ, וואָס וויטיקט איבערן גורל פון יידישן שרייבער, פון דער יידישער ליטע־ראַטור. ער איז אָבער געגוג שטאַרק די פען נישט צו פאַרוואַרפן, ווייל ער גלייבט אין דער נויטווענדיקייט פון אַ ליטעראַטור פאַרן קיום פון פאָלק. טראָץ דעם חורבן, טראָץ די טראַגישע איבערלעבונגען, איז י. ראַפּאָפּאָרטס גלויבן אין מענטשן ניט דערשיטערט געוואָרן. דער גלויבן אין מענטשן איז געבליבן גאַנץ, און מיט דער אינערציע פון דעם דאָזיקן גלויבן שטייט דער שרייבער אויף דער וואַך און היט אָפּ די ריינקייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

מידת הדין

„פייערלעך אין נעפל"

ליטעראַטור־קריטיק איז אַ פאַרכישופטער שפּיגל, וועלכער ווייזט דעם שרייבער זיין גייסטיקן פּנים. ווען דער שרייבער בויט זיין ליטע־ראַרישן בנין, איז יעדער געשאַפענער בוך — אַ ציגל אין דער דאָזיקער געביידע. עס מאַכט דעם בנין ברייטער, העכער, אָנזעעוודיקער. ערשט ווען דער בנין איז פאַרענדיקט, קען מען אָפּשאַצן צי דער מייסטער האָט דערפירט זיין ווערק צו פולקאָמקייט, צי ער האָט דערגרייכט זיין קינסטלערישע הויך. אָבער דער כישוף־שפּיגל — די קריטיק, שפּיגלט שוין ביים אָנהויב פון קינסטלערס שאַפונגס־וועג אָפּ דעם סוף.

דער קריטיקער י. ראַפּאָפּאָרט פאַרמאָגט דעם כישוף־שפּיגל. ער באַהאַלט אים אויך ניט פאַר זיך. ער לאָזט אונדז אין אים אַריינקוקן און באַוואונדערן די קראַפט מיט וועלכער דער שפּיגל אָפּערירט. ער דערקלערט אונדז אפילו די עלעמענטן פון וועלכע דער שפּיגל איז באַ־שאַפן, כדי מיר אַליין זאָלן זיך קענען מיט אים באַנוצן.

ער פירט אַריין דעם לייענער אין עלעמענט פון קונסט און גיט אים דעם שליסל צו דער פאָרמול: וואָס איז אַזוינס קינסטלערישער אמת?

'דאָס בעלעטריסטישע אָדער דאָס קינסטלערישע באַשטייט אין דעם וואָס דאָס אַבסטראַקטע, דאָס אַבסטראַקט־פאַקטישע ווערט קאָנ־קרעט־אינדיווידועל. און אָפּט מוז אַן עכטער בעלעטריסט צומישן צו די פאַקטן פיקציע, כדי דאָס פאַקטישע זאָל באַקומען קראַפט אָפּצו־שטעמפּלען אין מענטשנס געמיט איר — דער פאַקטישקייטס — אמתי.
(זייט 159).

אויב דער קריטיקער וואָלט זיך באַגרענעצט בלויז צום שטח, וועלכע געוויסע שרייבער טיילן פאַר אים צו אַלס אויסטייטשער פון קינסטלערס ווערק, וואָלט זיין אויפגאַבע, אָדער שליחות, אין דער לי־טעראַטור ווייט ניט אויסגעפירט געוואָרן.

די ראָל פון קריטיקער, דאָס איז די ראָל פון דימענטענעם בויער,

װעלכער שנײדט דורך די מאַסיװע, שטײניקע, פּעלזיקע שיכטן פֿון דער ערד מיטן ציל זיך צו דערשלאָגן צום לעבנס־װיכטיקן אויל. ער האָט פּאַר זיך אַ קאָנקרעטע אויפֿגאַבע — דערגרײכן די טיפֿענישן װאו דער אויל געפֿינט זיך. אויב אָבער פֿון די טיפֿענישן רײסט זיך אַנשטאָט אויל אַדורך װאַסער — איז עס ניט די שולד פֿון בויער. ער האָט געזוכט אויל. אויך דער קריטיקער זוכט דאָס נוצלעכע און גוטע אין אַ װערק. איז עס זײַן שולד װען ער טרעפֿט זיך אָן אויף װאַסער?

י. ראַפּאָפּאָרט פּאַרמאָגט דעם גײַסטיקן כּוח — װי דער אויל־בויער פּאַרמאָגט אַ מעכאַנישן, פֿיזישן כּוח — פֿון דימענטענעם בויער, װאָס שרעקט זיך ניט אָפּ פֿאַרן שטײנערנעם באָדן, פֿאַר די שיכטן װאָס ליגן אונטער אים. ער באַמיט זיך צו דערגרונטעװען צום עיקר, כּדי צו באַרײַכערן די ליטעראַטור און אירע געניסער מיט דעם נויטיקן און שעפֿערישן — אויב אַזעלכעס געפֿינט זיך אין װערק.

מיט אַ סך געניטקײט דערקלײַבט זיך י. ראַפּאָפּאָרט צום תּוך פֿון אַזאַ שרײַבער װי דוד איגנאַטאָװ. איגנאַטאָװס שרײַבן לאָזט גע־דאַנקען ניט דערזאָגט. כאַפּן זיך שרײַבער אָן, כּדי אַרײַנצוטײַטשן אין ניט־דערזאָגטן אײגענע געדאַנקען און אידייען.

י. ראַפּאָפּאָרט גיט זיך די מי אויף 23 זײַטן (205־228) אַלזײַטיק צו באַלײַכטן איגנאַטאָװס שרײַבן, כּדי צו באַרעכטיקן זײַן מײנונג, אַז: „איגנאַטאָװ איז אַ מין געשטרויכלטער, מיסטישער רעאַליסט״. (זײַט 222).

דאָס איז אַ באַװײַז װי גרינטלעך און געװיסנהאַפֿט י. ראַפּאָפּאָרט באַהאַנדלט אַ שרײַבערס װערק.

פֿאַר י. ראַפּאָפּאָרטן איז די ליטעראַטור אַ הײליקײט (װי פֿאַר זײַן פֿאָטער די דינים פֿון דער תּורה), עס קען דעריבער גאָר קײן רייד ניט זײַן װעגן אָנװענדן אַנדערע מאָסן בײַם באַהאַנדלען ליטעראַרישע װערק װי — מידת הדין.

* * *

יעדער עכטער קינסטלער מוז אין פּראָצעס פֿון שאַפֿן זײַנע אינספּיראַציעס פֿון אײגענע נשמה־קװאַלן. דורך די דאָזיקע ניט־װילנדיקע אַנטפּלעקונגען פֿון די פֿאַרבאָרגנסטע נשמה־װינקלען, באַ־קומען מיר אַ מעגלעכקײט טיפֿער אַרײַנצובליקן און בעסער צו דער־קענען דעם קינסטלער.

דאָס אייגענע האָט פּאַסירט אין בוך „פייערלעך אין נעפּל". י. ראַפּאָפּאָרט האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַז ער האָט ניט בלויז אַ גע־ווּיסנהאַפטן צוגאַנג צו ליטעראַטור (מידת הדין) נאָר אויך אַ פיינפילנ־דיקע, דיכטערישע נשמה.

זיינע עלטערן־פּאָרטרעטן שטייגן וויט אַריבער די גרענעץ פון פּריוואַטקייט און וואַקסן אויס צו נאַציאָנאַל־יידישע סימבאָלן, געשיל־דערט מיט דיכטערישער צאַרטקייט, מיט טיפער מענטשלעכער פאַר־שטענדעניש און ליבע. זיי וואַקסן אויס צו אוניווערסאַלע געשטאַלטן און איר ווערט מיט זיי צוזאַמענגעהאַפטן, און מען פאַרגעסט אַז דאָס זיינען געווען בלויז דעם מחברס עלטערן — זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין סימבאָלישע געשטאַלטן, וועלכע פאַרקערפּערן אין זיך די גוטע מידות, די דערפאַרונג פון אַ טויזנטיעריק פאָלק.

דער קריטיקער האָט אומבאַוואוסטזיניק אויפגעדעקט פאַר אונדז זיין פּאָעטישע נשמה (ווייל עכטע קינסטלער מוזן זיך אָנשטרענגען כדי צו פאַרדעקן זייער אמתן, איגערלעכן איך, עכטע קינסטלער קענען ניט זיין פאַלש) און די אָפּהאַנדלונג: „אַ בילד פון מיינע עלטערן" (ז"ז 314־342) דרינגט אין אונדז אַריין ווי אַן אינערלעך געזאַנג.

ווי אַ כלל האָבן קינדער ליב זייערע עלטערן. י. ראַפּאָפּאָרט איז אָבער געלונגען דעם לעבנס־אמת איבערצושמעלצן אויפן פּאָעטישן אמת, און אין דעם איז פאַרבאָרגן דער סוד פון דעם דויערהאַפטן איינ־דרוק וועלכן דאָס אויבן דערמאָנטע בילד לאָזט אויף אונדז איבער.

אין בוך געפינען מיר נאָך מוסטערן פון דער דאָזיקער מענטשן־קענטעניש און קלאָרן, איגערלעכן אַריינבליקן אין דער וועלט פון שריי־בער. אין דעם עסיי וועגן דער בלינדער און טויב־שטומער שריפט־שטעלערין העללען קעללער, ווער איז בלינד און ווער איז טויב? (ז. 418), מאַכט דער מחבר אַזאַ אויספיר:

„דאָס קאָנען אַזוי טרוימען וועגן זען און הערן, וואָלט געווען אַ פּאָעטישע ליסטונג פאַר אַ זעעוודיקן און הערנדיקן דיכטער, אָבער פאַר אַ בלינדער און טויבער דיכטערין איז דאָס אַ וואונדער, איינער פון די וועלט־וואונדער: ווי אַזוי האָט די דאָזיקע אַזוי גרויזאַם־פאַר־אורטיילטע פרוי דורכגעריסן די אייביקע ווענט פון פינצטערניש און שווייגן און אַזוי אויפגענומען אין זיך די וועלט און די מענטשן אויף צו קאָנען באַשרייבן איר פאַרלאַנג צו זען זיי אַזוי פולבלוטיק, אַז עס זאָל זיך אונדז נעמען דאַכטן, אַז זי קען זיי בעסער פאַר אונדז, אַז מיר

זאָלן דערפילן אַ פאַרלאַנג צו לערנען זיך ביי דער בלינדער ווי און וואָס צו זען, און ביי דער טויבער — ווי און וואָס צו הערן". (ז. 419).

פון דעם עסיי באַקומען מיר דעם איינדרוק אַז העללענס וועלט איז ליכטיקער און קאָלירפולער ווי אונדזערע. זי נעמט דאָס לעבן אויף מיט אַנדערע, מער שפּירבאַרע חושים.

אַזאַ איז אויך די געשטאַלט פון ישראל שטערן (זייט 395). אויך אים ברענגט י. ראַפּאָפּאָרט צו אונדז פון גאָר אַן אַנדער וועלט, ווייל שטערנס זען און פילן, איז גאָר עפּעס אַנדערש, ווי פון געוויינלעכע מענטשן וועלכע פאַרמאָגן די פינף חושים. שטערנס געשטאַלט לייכט אַרויס פון אַלע זיינע ערדישע, מאַטעריעלע טראַנטעס, אַזוי שנעל ווי דער מחבר הויבט זי אַרויס, און ווייזט אונדז די געשטאַלט אין איר אמתער, אינערלעכער ליכט וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון דיכטער און עסייאיסט — ישראל שטערן.

* * *

דער אינהאַלט פון אַ בוך מוז ערגעץ וואו באַרעכטיקן זיין נאָמען.

די יידישע ליטעראַטור, אָדער גרויסע טיילן פון איר, אַ טייל פון אונדזער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, זוכט אַ וועג אין דעם נעפּל פון נאָכן „גרויסן חורבן. דער נעפּל — דאָס איז דער צושטאַנד אין וועלכן מיר זיינען אַריבערגעטראָגן געוואָרן פּלוצלונג, ניט מיט אונדזער ווילן, און דעריבער זיינען מיר ניט געקומען צוגעגרייט צו דעם דאָזיקן צו־שטאַנד. איז עס פאַר אונדז ווי אַ „נעפּל" אין וועלכן מיר זוכן אַ וועג. הגם מיר האָבן אַן אידייאיש־געזעלשאַפטלעכן באַגאַזש, דאָך זיינען מיר אויף אַ פרעמדן, נאָך ניט גענוג אויסגעפאָרשטן באָדן. דער עסייאיסט פּרוּווט אָנצינדן „פייערלעך" אין נעפּל, כדי דעם דאָזיקן וועג צו באַלייכטן.

איינס אַזאַ פייערל איז נויטיק צו צעבלאָזן, עס זאָל ווערן אַ פלאַם, ווייל אין אים ליגט פאַרקערפּערט אַ גרויסע אידיי. שרייבנדיק וועגן מאַרטין בובער און זיינע „ווערק וועגן חסידיזם", זאָגט י. ראַפּאָפּאָרט:

„חסידיזם איז פאַר בובערן דער העכסטער זיג אין דער מענטש־הייטס (באַזונדערס פון יידנטום) פאַרצווייפלטן דראַנג צו איינהייט; ווי האַרמאָניש ס'איז דאָס לעבן אין 'דעם חסידישן לעבנס־געפיל, ווי האַר־מאָניש און גאַנץ עס איז די נשמה פון חסיד ביים טיש פון זיין צדיק אָדער אינעם קרייז פון זיינע גייסטיקע פריינד; ווי ברויזנדיק עס איז דעם חסידס טעטיקייט אין קאַמף פאַר דערגרייכן און איינהאַלטן די

אויבנדערמאָנטע האַרמאָניע — אין דער דאָזיקער טעטיקייט טאַקע, וואָס ווערט געבוירן דורך דער האַרמאָניע, ווערט זי, די דאָזיקע האַרמאָניע, כסדר געלייטערט; און ווי שטאַרק דער חסידיזם רייסט זיך צו דער צוקונפט, צום משיחישן פעריאָד, וואָס ווערט צוגעגרייט דורך יעדער טאַט, געבוירן פון אַ נשמה, וואָס האָט דערוואָרבן רו אין דער האַרמאָניע פון איינהייט!" (זייט 417).

וועז מיר לאָזן די פערזאָניפיצירונג פון צדיק און משיח אָנגעמען ווי אַ סימבאָל פאַרן באַגריף אידיי — ווי גוט וואָלט אונדז דאַן געווען.

גרייטנדיק זיך צו פאַרווירקלעכן די אידיי אין לעבן, וואָלטן מיר דערוויל געפונען רו אין דער האַרמאָניע און איינקייט.

אַ בוך פֿאַר וועלטלעכע יידן

„תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס״

עס טרעפט זעלטן, אַז אַ שרייבער און די טעמע, אָדער טעזע, וועלכע אַבסאָרבירט זיין געדאַנק זאָלן זיין אָנגעמאָסטן איינס פֿאַרן צווייטן. דאָס רוב פּאַסירט, אַז די טעמע איז איבערגעוואַקסן דעם שרייבער; אָדער, אויפֿבויענדיק זיין טעזע ווי אַ שטאָקיקע געביידע, פֿאַרפֿעלט דעם שרייבער געדולד, אויסדויער און שעפֿערישער געדאַנק — טוט ער אַ וואָרף אַרויף דעם דאַך. דאָס איז שוין אָבער נישט דאָס ווערק פֿון מייסטערס הענט — נאָר אַרויסגעוואָרפֿן אומגעלומפּערט אַבי פֿאַרענדיקט.

י. ראַפּאָפּאָרט האָט זיין טעמע תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס אויסגעטראָגן שעפֿעריש ביזן לעצטן געדאַנק, ביזן לעצטן פּונקט. און ס'איז ניט קיין וואונדער. וואָלט י. ראַפּאָפּאָרט געלעבט אין די אַלטערטימלעכע צייטן, ווען דער תנ״ך איז געווען — לעבן, וואָלט ער געווען איינער פֿון די שטורמישע בונטאַרן, וועלכע מאַכן ניט שלום מיט דער טאָג־טעגלעכער פֿאַלשקייט, צביעות און סנאָביזם, הינטער וועלכע עס באַהאַלט זיך אָנגעבלאָזענע פּוסטקייט.

זיין אמת — דעם נביאישן אמת פֿון יושר, וואָלט ער שטאָלץ געטראָגן, פּונקט ווי ער טראָגט היינט דאָס געשריבענע וואָרט: אָן קאָמפּראָמיסן פֿאַר פּערזענלעכע באַקוועמלעכקייטן, וואָרים י. ראַפּאָפּאָרט איז דורך און דורך בונטאַר. זיין איגערלעך געפֿיל קען ניט בלייבן גלייכגילטיק, ווען עס טרעפֿט זיך אָן אויף אומרעכט — אָן אונטערשייד וועלכע שיינע פֿראַזן זאָלן עס נישט באַפּוצן, כדי דאָס אומרעכט צו באַרעכטיקן.

ניט אומזיסט רופֿט ער אויס, נאָכן ציטירן דעם נביא עמוס:

„איך היינט טרעפֿט אַמאָל, אַז אַ שרייבער ווילט זיך אויסשריינן: „איך בין ניט קיין שרייבער און ניט קיין זון פֿון אַ שרייבער — אַ קעמפֿער בין איך, אַ קעמפֿער פֿאַר גאָט'ס וואָרט, מיט וועלכן איך האַנדל

ניט און וואָס איך שליידער אויך אין אַן ערב־רבס הייליקטום". (ז. 215).

עכטע שרייבער דאַרפֿן אין זיך פֿילן די נביאישע קראַפֿט, אָבער ביז גאָר אַ מינימאַלער טייל קען זיך דערהויבן צו דער מדרגה...

דער פּראָבלעם, אָדער בעסער געזאָגט — די באַציאונג צווישן מענטש און גאָט, פֿאָלק און גאָט, איז דאָס לייט פֿון וועלכן ס'איז גע־קנאָטן דער תנ"ך. י. ראַפּאָפּאָרט באַנוצט זיך אין יעדן קאַפּיטל מיטן באַגריף גאָט, אָבער ווי אַנדערש עס איז דער ראַפּאָפּאָרטישער גאָט, פֿון תנ"כישן, ווייל:

„ער (**דער מענטש — מ. א.**) האָט געשאַפֿן דעם גאָט לויט זיין אייגענער, מענטשלעכער געשטאַלט, טאַקע דערפֿאַר, ווייל גאָט האָט אים, דעם מענטשן ניט באַשאַפֿן לויט זיין, גאָטס געשטאַלט". (זייט 201).

צוליב וואָס האָט גאָט באַשאַפֿן די וועלט, פֿון וועלכער ער האָט אַזוי פֿיל צרות אויסצושטיין? צו וואָס האָט עס אים געטויגט, האָט ער עס ניט געוואוסט פֿון פֿריער? און י. ראַפּאָפּאָרט ענטפֿערט דערויף:

„גאָט, וואָס האָט געוואָלט אַרויס פֿון זיין איינזאַמקייט דורך באַ־שאַפֿן די וועלט, איז נאָך איינזאַמער געוואָרן". (זייט 22).

און מיט וואָס פֿאַר אַ ווירדע און שטאָלץ וואַרפֿט ער צוריק דעם תנ"כס אינטערפּרעטירונג פֿון דער באַציאונג פֿון פֿאָלק מיט גאָט:

„איך געדענק דיר די גינציקייט פֿון דיין יוגנט, די ליבשאַפֿט פֿון דיין כלה־צייט; דיין גיין נאָך מיר אין מדבר, אין אַ לאַנד ניט געזייט".

„דאָס איז דאָך אָבער ניט אמת! ווער איז נאָך אים געגאַנגען מיט ליבע אין מדבר? גאָט האָט דאָך אים געשלעפּט נאָך זיך! דאָס פֿאָלק ישראל האָט זיך דאָך פֿאַרשאָלטן דאָס לעבן, למאי עס האָט זיך געלאָזט איבעררעדן".

„דאָס יידישע פֿאָלק איז געגאַנגען נאָך זיין גאָט מיט כלה־ליב־שאַפֿט? גאָט האָט עס דאָך געשלעפּט מיט געוואַלד, דראָענדיק מיט געוואַלד, איינגענומען עס אויף מינוטן מיט ניסים. אַ ווילדער קאַמף פֿלאַקערט דאָך אין מדבר צווישן דעם יונגן פּאָר און דער שליח, דער גרויסער שדכן פֿון דאָזיקן טראַגישן זיווג, משה רבינו, האָט געברענטע צרות:ביידע צדדים לאָזן אים ניט צורו. דאָס פֿאָלק האָט חרטה אויפֿן שידוך מיט גאָט, און גאָט — אויפֿן שידוך מיטן פֿאָלק, וועמען ער וויל פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿריי לאָזן". (זייט 23).

כדי דאָס אַלץ צו באַגרייפֿן, דאַרף מען פֿאַרשטיין דעם מחברס צוגאַנג צום תנ"ך:

„פאַראַן אָבער אויך מענטשן, פאַר וועמען דער תנ״ך איז דער „ספר הספרים״ דערפאַר, ווייל דער מענטש און די מענטשהייט דער־קענען זיך כמעט אויף יעדן זייטל זיינעם״. (זייט 232)

פאַר י. ראַפּאָפּאָרטן איז דער תנ״ך ניט נאָר „די עפּאָפּייע פון טויזנט־יעריקן קריג״, נאָר קודם אַ שפּיגל וואו ער דערקענט סיי די מענטשהייט און סיי זיך. ווייל דער קאַפּיטל „די עפּאָפּייע פון טויזנט־יעריקן קריג״ איז ניט נאָר אַן עסיי וואו דער שרייבער שטעלט זיך אַנטקעגן גאָטס באַצווינגערישער קראַפט (ווי ער שטעלט זיך אַנטקעגן טאָג־איין, טאָג־אויס דעם מענטשנס באַצווינגערישע קראַפט לגבי זיין מיט־מענטש), נאָר ער אַנטפּלעקט אויך דערביי זיין אייגענעם צוגאַנג צו די באַציאונגען צווישן גאָט־מענטש־פאָלק. איז דער עסיי אַ פּלאַסטישע סקולפּטור אויסגעהאַקט אין פעלדז; אַ סקולפּטור, וואָס אין די טיפע גראַניטענע קנייטשן אירע צאַפּלט די נשמה פון איר באַשאַפער.

און אויב די העכסטע מדרגה פון קינסטלערישן שאַפן איז די שלימותדיקע אויפלייזונג פון דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט אין זיין ווערק — האָט זיך אין דעם עסיי אַנטפּלעקט סיי די שעפערישע קראַפט פון י. ראַפּאָפּאָרט און סיי זיך אויפגעלייזט.

דער דאָרן איז תמיד גרייט צו קיניגן... ווייל, דערקלערט אונדז י. ראַפּאָפּאָרט:

מאַכט האָט ניט נאָר די אייגנשאַפט פון פאַרדאַרבן דעם גוטן מענטשן, פון מאַכן אים אויס מענטש, נאָר זי מאַכט אויך דעם מאַכט־האָבער הילפלאָז, באַזונדערס דעם מאַכטהאָבער, וועלכער וויל בלייבן גוט, ד״ה, גיין קעגן שטראָם, אויך זיצנדיק אויפן טראָן״. (זייט 45).

„אַ גוטע טאַט איז העכער פאַר אַ גוט וואָרט; אָבער ווען דער הערשער פאַרמאָגט ניט די פרייהייט פון טאַט, פאַרלירט ער אויך די פרייהייט פון וואָרט. ער פאַרלירט ביידע וועלטן...״ (זייט 45).

און ניט נאָר אין תנ״ך איז דער דאָרן גרייט צו קיניגן (זייט 44), נאָר אויך אין לעבן, איז דער ליטעראַטור (ווייל אמתע ליטעראַטור איז דאָך לעבן), און דערנער, אפילו ליטעראַרישע, האָבן אַ טבע צו שטעכן. אָבער דער אויפריכטיקער קריטיקער, וועמענס לעבן איז דורך און דורך קונסט, שרעקט זיך ניט פאַר דאָרנס שטאָך. ווי ווייטיקלעך ער זאָל ניט זיין, רייסט ער אַראָפּ די פּרוכטלאָזע רויזן, כדי מען זאָל דערזען די נאָדלען...

ס'איז פּאָפּולער צו זאָגן און שרייבן (ווען מען וויל אונטערשטרייכן

די דערהויבענע טאַט פון אַ שרייבער), אַז ער האָט איבערגעגאָסן אַלטן ווייַן אין אַ נייעם לאָגל. י. ראַפּאָפּאָרט האָט דעם ווייַן ניט איבערגעגאָסן — אינספּירירט (און ניט ווי ער וויל אונדז באַשיידן אונטערזאָגן — אימפּראָוויזירט). פון דעם תנ״ך — פון אָט דעם ספר, וואָס דינט נאָך היינט פאַר רעליגיעזע יידן ווי אַ וועגווייזער, האָט י. ראַפּאָפּאָרט אויסגעשמידט אַ פילאָזאָפיע פאַר וועלטלעכע יידן.

אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרמאָגן מיר שרייבער, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. אָבער ווי אַנדערש זיי זיינען פון י. ראַפּאָפּאָרטס געדאַנקען־גאַנג. זיי פּרוּוון זייערע מיינונגען באַקרעפטיקן מיט באַרימטע נעמען אין דער וועלט פון פילאָזאָפיע. קלאָר, יעדער נאָמען פאַר זיך איז אַ כוח, אַ דענקערישער כוח, אָבער ווי שוואַך מוז זיין די טעזע פון מחבר, ווען ער מוז עס אונטערשפּאַרן מיט באַלקנס פון באַרימטע פילאָזאָפן. דאָס באַווייזט אַ ניט־זיכערקייט אין די אייגענע מיינונגען. אַזאַ פילאָזאָפיע איז טאַקע מער בטלנישער דריי מיטן גראָבן פינגער, ווי שעפערישע דענקען.

י. ראַפּאָפּאָרט שעפּט זיינע מיינונגען, געדאַנקען פון זיין שעפע־רישן איך (אינספּירירט פון די נביאים), דעריבער איז זיין פילאָזאָפיע אַ פּאָזיטיווע — זי איז באַזירט אויף גלויבן. גלויבן אין מענטש און מענטשלעכקייט; גלויבן אין יושר; גלויבן אין פרייהייט און דעמאָקראַ־טיע; גלויבן אין דער פּערזענלעכער פרייהייט פון יחיד. אַזאַ פילאָזאָפיע איז פאַר אונדז אָנגעמבאַר, ווייל זי פירט אונדז פאָרויס — צום לעבן, אין לעבן, בשעת די אַנדערע ציען אונדז צוריק, צום מיטלאַלטער...

* * *

די פריינד פון י. ראַפּאָפּאָרט אין אַרגענטינע, צוזאַמען מיטן קול־טור־קאָנגרעס, האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי טייערע יידישע מענטשן, וואָס זענען מיט לייב און נפש פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור. זייער אָנשטרענגונג, דאָס דאָזיקע בוך זאָל דערשיינען, וועט תמיד דערמאָנט ווערן מיט אָנערקענונג.

— אָבער

טריי דער ראַפּאָפּאָרטיאַנישער טראַדיציע צו דעם אמת, מוז מען דערמאָנען איניקע באַרבאַריזמען, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן דעם בוך מיט אַריינפירן ווערטער, פרעמדע דער יידישער שפּראַך און פרעמדע דעם מחבר. כ׳וועל אַלס ביישפּיל ברענגען בלויז איין וואָרט: מאַכטיקער. (י. ראַפּאָפּאָרט שרייבט: מעכטיקער). אַ שטראָם פליסט מעכטיק,

די מעכטיקע שטים. מעכטיק — דאָס מיינט אַן אינערלעך געפיל, אַ געפיל וואָס קומט פון אינעווייניק, אַ געפיל, וואָס איז אָרגאַניש פאַר־בונדן מיטן שטראָם (קען מען אָפּטיילן דעם שטראָם פון זיין מעכטיקייט?)

דעמאָלט ווען מאַכטיק קומט פון מאַכט — און מאַכט איז אַ מע־כאַנישער דרוק אָנגעוואָרפן פון דרויסן. קען מען זיך פאָרשטעלן אַזאַ מין זאַץ:

„ישעיה האָט עס געטאָן אין זיין באַרימטער נבואה אין דעם וואונדער־שיינעם, מאַכטיקן קאַפּיטל י״א...״ (זייט 237).

ישעיה און מאַכט — ווי פּאַראַדאָקסאַל און ווי לעכערלעך...

אויף די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור

„זוימען אין ווינט"

אָפּטימיזם און פּעסימיזם זיינען געפילן וואָס באַגלייטן דעם מענטשן זיין גאַנץ באַוואוסטזיניק לעבן. זיי שפּיגלען אָפּ זיין געמיט, זיינע שטימונגען; באַפליגלען אָדער פאַרנעפּלען זיינע טרוימען; זיי סטימולירן אָדער פּענטען זיינע האַנדלונגען.

בעת אָפּטימיזם איז דער אויסדרוק פון זיין לעבנס־וויטאַליטעט, זיין קאַמפּס־גרייטקייט פאַר אידייען, זיין קרבנות־גרייטקייט פאַר אי־דעאַלן — איז פּעסימיזם אַן אויסדרוק פון מענטשנס אָראַפּגעלאָזטע הענט, פון אומגלויבן אין גערעכטיקייט, אין דער צוועקמעסיקייט פון קאַמף פאַר גערעכטע מיינונגען און צילן; פון פאַרלוירענעם מוט ווי אַ רעזולטאַט פון אומגלייבן, פון „זייען זוימען אין ווינט".

וואונדערט מען זיך:

ווי אַזוי אַ בוך פון 500 זייטן, וואָס שפּרודלט מיט גלויבן, מיט וואָרצלדיקייט אין לעבן (ווייל אָן גלויבן אין דער לעבנס־וויכטיקער ראָל פון דער יידישער ליטעראַטור, קען מען ניט פירן קיין שטרייטן צוליב איר), וואָס גלייבט אַז אפילו „קיין איין רגע שיינקייט גייט ניט אויף דער ערד פאַרלוירן"; וואָס טראָגט שטאָלץ די פאָן פון אונדזער יידיש־נאַציאָנאַלן פילן, פון אונדזער קיומדיקן המשך; ווי אַזוי אַ בוך וואָס איז דורך און דורך אָפּטימיסטיש זאָל זיך פאַרשטעלן מיט אַ פּע־סימיסטישן נאָמען?

דער נאָמען שפּיגלט אָפּ דעם מחברס היינטיקן קוק אויף דער יידישער ליטעראַטור. אויף אירע שאַפערס און אירע געניסערס. אויף אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. דער דאָזיקער נאָמען פאַרקערפּערט דעם מחברס געפילן וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון זען און באַגרייפן דעם צושטאַנד, אין וועלכן די יידישע ליטעראַטור געפינט זיך.

אויפן אינהאַלט פון בוך האָבן אָבער די געפילן קיין שליטה ניט. ווייל: „ניט נאָר דיקטירן מיין פּעדער קען איך ניט — אויך דיקטירן

זיך ניט צו שרייבן קען איך ניט" („מיין וועג אין דער יידישער ליטע־ראַטור", ז. 402).

און י. ראַפּאָפּאָרטס וועג אין דער יידישער ליטעראַטור איז אָנ־געצייכנט געוואָרן פון זיינע ערשטע טריט אָן: דער וועג פון אַ קעמפּער, אַן אויפקלערער; אַ באַלייכטער פון נעגאַטיוון, וואָס מען דאַרף עס אויס־מיידן, איזאָלירן, און אויב דאָס נעגאַטיווע, דאָס שלעכטע איז טיף פאַר־וואָרצלט — דאַרף מען ניט מורא האָבן עס אויסצורייסן מיטן וואָרצל.

דער שאַרפער חוש אויסצושפּירן דאָס נעגאַטיווע טעמפּט ניט אָפּ דאָס געפיל צו זען שיינקייט, פּאָזיטיווקייט, נאַציאָנאַל־וויכטיקע שעפע־רישקייט און גרויסקייט דאָרט — וואו עס איז באמת דאָ. (זע די עסייען וועגן ח. נ. ביאַליקן — ז"ז 91־124).

י. ראַפּאָפּאָרטס וועג אין דער יידישער ליטעראַטור איז אַן אָפּטי־מיסטישער, ניט געקוקט אויפן פּעסימיזם וואָס באַפאַלט אים פון צייט צו צייט.

זיין פעדער, געפירט פון טיפע, אינערלעכע רעגונגען, פון קלאָרן אַנאַליטישן זען — לאָזט זיך ניט באַצווינגען פון אַט די שטימונגען.

וועגן די קלאַסיקערס אונדזערע האָבן מיר אַ רייכע ליטעראַטור. אָבער יעדער עכטער קינסטלער נעמט אויף דעם שאַפונגס־וועג און די שאַפונגען (כדי צו פאַרשטיין אונדזערע קלאַסיקער און זייער באַטייט, איז נויטיק צו זען סיי די שעפערישע שטייגונג אין זיי, סיי די שאַפונגען גופא) דורך זיין אייגענער פּריזמע, און באַלייכט זיי מיט זיין אייגענעם פּנימיותדיקן ליכט.

איך וויל זיך בלויז באַגרענעצן צו עטלעכע ציטאַטן פון די עסייען וועגן י. ל. פּרצן, וואָס דער מחבר בויט אים פאַר אונדז אויף ווי אַ מאָ־נומענטאַלע געשטאַלט.

פּרץ שטאַמט פון אַ מתנגדישער פאַמיליע. דאָס נעמט דער מחבר אָן פאַר אַ סיבה פון פּרצס וואַרעמער, פאַלקסטימלעכער באַציאונג צום חסידיזם:

„ווייט פון די דעגענערירטע אויסערלעכע פאָרמען פון חסידות, ניט ליידנדיק פונעם דרוק פון חסידישן פאַנאַטיזם (סאַראַ קעגנזאַץ: דאָס חסידות פון בעל־שם־טוב און פאַנאַטיזם! פאַרפאָלגט צו ערשט פון מתנגדישן פאַנאַטיזם, איז דער חסידיזם דערנאָך אַליין געוואָרן אַ פאַר־פאָלגער!). (זייט 19).

און וועגן די „מקובלים":

„אין די ‚מקובלים' פירט אונדז פרץ אַריין אין אַ וועלט פון די דינסטע גייסטיקע איבערלעבונגען, וואָס פאַרקערפערן ממש פלאַסטיש — אויף וויפיל דאָס איז נאָר מעגלעך — יענע גייסטיקע כוחות און שטרעבונגען, וואָס האָבן געווירקט שעפעריש אין אונדזער געשיכטע און וואָס ווירקן נאָך אויך אין אונדזער לעבן אין דער אָדער אין יענער פאָרם, נאָר אויך אַן אַלמענטשלעך־הומאַניטאַרע, און אַ וויסנשאַפט־לעכע, און אַ נאַציאָנאַל־חלוצישע. און ווער האָט אונדז דערצויגן צו אָט דער צילבאַוואוסטער ליידנשאַפטלעכקייט און ווער האָט אונדז דער־צויגן צו קענען זיך פרייוויליק ברענגען פאַר קרבנות אויף די מזבחות פון אַלע אידעאַלן, אויב ניט די דאָזיקע ‚מקובלים'?"

„שפירן אָט די קראַפט און שילדערן די גלייכצייטיק אי אין איר קאָנקרעט־היסטאָרישער פאַרקערפערונג, אי אין איר אַלמענטשלעכקייט — אָט דאָס איז פרצעס פאַרדינסט". (זייט 27).

פרץ — זאָגט י. ראַפּאָפּאָרט — האָט גוט באַמערקט דאָס טאָג־טעגלעכע, ער איז אָבער אויך אַריינגעדרונגען הינטערן טאָג־טעגלעכן אין דעם יום־טובדיקן שטח פון יידישן פאָלקס־לעבן. אָט דעם דאָזיקן אומרואיקן גייסט שילדערט דער מחבר אין עטלעכע שורות, און ווי דער פענדזל אין האַנט פון מאָלער, וואָס מיט עטלעכע שאַרפע שטריכן דריקט ער אויס דעם אינעווייניקסטן כאַראַקטער פון פאָרטרעט — דערזעען מיר פאַר זיך דעם פולן פרץ: „אָט דער אומרואיקער גייסט האָט געטראָגן אין זיך גופא דעם רעגולאַטאָר פון גלייכגעוויכט: ער האָט נעגירט און באַיאָט, ער האָט פאַרניינט כדי צו באַיאָען" (ז. 33).

אין פאַרשידענע עסייען (אין דעם בוך און אין אַנדערע ביכער) ברענגט י. ראַפּאָפּאָרט צום אויסדרוק זיין מיינונג וועגן רעאַליסטישער קונסט. איז עס כדאי איבערצוחזרן, ווייל דאָס איז איינער פון די גרונט־פרינציפן, מיט וועלכע עס באַנוצט זיך (אָדער דאַרף זיך באַנוצן) יעדער עכטער שרייבער אין זיין שאַפן:

„ווייל די רעאַליטעטישקייט פון קונסט ווערט באַשטימט ניט דורך דעם, וואָס מען האָט זי אָפּפאָטאָגראַפירט, נאָר דורך דעם וואָס זי העלפט צו פאַרשטיין, דערשפירן דעם אמת, די ווירקלעכקייט" (זייט 39).

ווי דער מוזיקער־ווירטואָז קאָן אין איינצלנע טענער, קלאַנגען איבערגעבן די שטימונג, די דינע וויברירונגען פון דער נשמה, אירע צאַפלונגען, איר אינערלעכע וועלט — אַזוי געלינגט דעם שריפטשטע־

לער איבערצוגעבן אין עטלעכע געפּרעסטע שורות דעם מהות, די קווינטעסענץ פון אונדזער קלאַסיקער:

„מענדעלע האָט געלערנט באַנטשע שוויגן דעם שווערן חוב פיינט צו האָבן אפילו אין זיך דאָס, וואָס פאַרדינט פיינטשאַפט; שלום־עליכם האָט געלערנט באַנטשע שוויגן די וויכטיקע באַפרייענדיקע קונסט פון לאַכן איבער דעם, וואָס פאַרדינט אויסגעלאַכט צו ווערן אפילו אין זיך גופא; פּרץ האָט געלערנט באַנטשע שוויגן צו האָבן דרך־ארץ פאַר זיין אייגענעם דרימלענדיקן גייסט, פאַרן אייגענעם עבר, וואָס דאַרף און קען פאַרבייטן די פאַרהאַסטע און אויסגעלאַכטע קעגנוואַרט, כדי צו ווערן — צוקונפט“. (זייט 52).

עס איז נייטיק געווען זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויף די פּרץ־עסייען, ווייל דורך זיי פאַרשטייען מיר ניט נאָר נענטער און במילא קלאָרער דעם מייסטער פון דער ליטעראַטור, דעם קלאַסיקער — נאָר אויך דעם עסייאיסט און זיין פעאיקייט אַריינצופירן אונדז אין דער וועלט פון די קלאַסיקערס; מיר דערשפּירן די אויסשטראַלונג פון זיין פנימיות־דיקן ליכט, וואָס העלפט אונדז צו זען און דערפילן די נאָענטקייט פון די קלאַסיקערס.

* * *

מעמואַרן, זכרונות איז אַ פּאָפּולערע פאָרם פון דערציילן וועגן באַגעגענישן מיט באַרימטע פּערזענלעכקייטן, שילדערן תקופות, איבער־געבן היסטאָרישע געשעענישן איך אַ כמעט בעלעטריסטישער פאָרם. דער אינטערעס, די שפּאַנונג, מיט וועלכע דער לייענער ווערט אַריינ־געצויגן, מיטגעריסן — אָדער דאָס לאָזן אים קאַלט, ביז לאַנגווייליקייט — איז אָפּהענגיק פון דעם שריפטשטעלערישן כוח פונעם מחבר.

אויבנאויפיק קען זיך דוכטן אַז י. ראַפּאָפּאָרטס שילדערונגען וועגן זיינע באַגעגענישן, זיין מיטאַרבעט אָדער שמועסן מיט שרייבערס, פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער ליטעראַטור, געהערן זיך אָן צום לייכטערן זשאַנער. אָבער, ווען מען נעמט זיך אַריינלייענען אין די זכרונות, ווערט מען מיטגעריסן מיט זייער לעבעדיקייט, מענטשלעכ־קייט, מיט דער וועלט וואָס מען אַנטדעקט מיט אַ מאָל. ביז היינט, למשל, בין איך אונטער דער ווירקונג פון דער אַרבעט „ד״ר חיים זשיט־לאָווסקי“. איך האָב עס געהערט פאַרלייענען פון מחבר גופא, אין

מאַנוסקריפּט. שפּעטער אַליין געלייענט עס אין אַ זשורנאַל, און וויפיל מאָל איך מאַך אויף דאָס בוך און טרעף זיך אָן מיטן זשיטלאָווסקי־פּאָרטרעט, מוז איך עס דערלייענען ביזן סוף. דורך דעם אופן ווי דער מחבר שטעלט אָן זיין רעפלעקטאָר אויף זשיטלאָווסקין, דעם שרייבער און דענקער, ווערט ער אונדז ביז גאָר נאָענט, ווייל מיר זעען אים ווי אַ מענטש וואָס האָט באַציאונג צום מיטמענטש, אפילו ווען ער ווייזט אים אָן אויף פעלערן. ווייל עכטע גרויסקייט באַשטייט ניט נאָר אין קענען אַרויסברענגען אייגענע געדאַנקען און מיינונגען, נאָר אויך אין קענען אויפנעמען יענעמס געדאַנקען און מיינונגען...

* * *

פון די זייטלעך פונעם בוך וואַקסט אויס פאַר אונדז דער פּרימיטיווער, אומגעהובלטער גייסטיקער ריז — איטשע־מאיר וויסנבערג, זיינע קאַמפן פאַר אַ ריינער ליטעראַטור, וועלכע ער אַליין האָט מיט זיין קאַמף היפּש פאַרמיסטיקט; זיינע שפּראַכיקע מיטלען אַרויסצוברענגען, אויסצודריקן טייל מאָל דעם דינסטן ניואַנס פון מענטשלעכע געפילן — הייבן אים אויף צו דער מדרגה פון אַ זשעני, אַ גאָט־געבענטשטן קינסטלער; אָבער זיין גייסטיק שטאַמלען, די אומפעאיקייט אַ מאָל אויסצודריקן אַ פּשוטן געדאַנק — די דאָזיקע וויסנבערג־געשטאַלט, געשילדערט דורך י. ראַפּאָפּאָרטן — רופט אַרויס רחמנות מיט איר טראַגישקייט. ראַפּאָפּאָרט זוכט צו פאַרשטיין (האָט תמיד געזוכט צו פאַרשטיין) די סיבה וואָס לאָזט דעם ברויזנדיקן קוואַל פון וויסנבערגס טאַלאַנט ניט פליסן נאָרמאַל. אין מיטן פון אַרויסברענגען גרויסע, גייסטרייכע געדאַנקען פלעגט זיך דער קוואַל פלוצלונג פאַרשטאָפּן. אַ שטאַמלער, פּייניקט זיך וויסנבערג (סיי אין וואָרט, סיי אין שריפט) צו געבן אַן אויסדרוק דער אינעווייניקסטער שפּאַנונג.

אָנגענומענע מיינונגען אין דער ליטעראַטור, וואָס בדרך כלל האָט מען זיי געהאַלטן פאַר אַ מעלה, זיינען גאָר ביי וויסנבערגן אַ חסרון. אָט, למשל, טוט ער אַ זאָג, נאָכן איבערלייענען י. ראַפּאָפּאָרטס אַ מאַנוסקריפּט:

„יאָ — איר קענט שרייבן, אָבער איר גייט אויף אַ שלעכטן וועג. איר שרייבט, ווי מען שרייבט אין גאַנץ אייראָפּע...‟ (זייט 342). דאָס זאָגט זייער פיל סיי וועגן וויסנבערגן, סיי וועגן ראַפּאָפּאָרטן.

פון די וויסנבערג־זכרונות שטייט אויף לעבעדיק אַ פאַרגאַנגענע

וועלט, וועלכע איז אַ סך פון אונדז אומבאַקאַנט. די באַשרייבונגען העלפן אונדז צו פאַרשטיין די דאָזיקע וועלט, אַריינצודרינגען אין איר.

צוויי גייסטיקע ריזן האָבן זיך צוגעצויגן און אָפּגעשטויסן. עפּעס אַן אומזעעוודיקער פאָדעם האָט זיי ערגעץ וואו פאַרקניפּט. אָבער דער אונטערשיד פון כאַראַקטער, בילדונג, געזעלשאַפטלעכע צילן און צוגאַנגען — זיינען געווען די אָפּשטויסונגס־קראַפט.

דער אָ גערעאַנגל האָט באַקומען אַ בילדלעכן אויסדרוק אויף די 51 זייטן, וואָס האָבן געדאַרפט בלויז געבן אין גראָבע שטריכן אַ ווייסנבערג־פּאָרטרעט. עס אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז צוויי כאַראַקטערן, וואָס יעדער אויף זיין אופן האָט באַווירקט די ליטעראַטור.

* * *

איינע פון די אָפּטיילונגען אין בוך טראָגט דעם פּראָזאַישן נאָמען: „זיבן רעפעראַטן אויף יידישע טעמעס". דאָס זיינען ניט נאָר רעפעראַטן, דאָס זיינען גוט דורכגעטראַכטע, מען קען זאָגן, דורכגעווייטיקטע עסייען, אין וועלכע דער מחבר ברענגט אַרויס זיין בליק אויפן נאָכמלחמהדיקן יידישן לעבן אין אַלע זיינע פּאָליטיש־גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע אַספּעקטן.

אין רעפעראַט: „די אויפגאַבן פון אונדזער יוגנט", זאָגט דער מחבר:

„איך בין ניט קיין פּאַרטיימאַן און ניט קיין פּראָפּאַגאַנדיסט. איך קום ניט מיט קיין פּאַרטיי־פּראָגראַמען און אוודאי ניט מיט קיין פּראָפּאַגאַנדע־לאָזונגען" (זייט 275).

אין די דאָזיקע רעפעראַטן אָבער שפּילט דער עסייאיסט די צווייטע פידל. ער איז שוין ניט מער דער אַנאַליטיקער, דער פאָרשער און אויסטייטשער פון די וועגן אויף וועלכע די יידישע ליטעראַטור גייט (אָדער דאַרף גיין). דער עמאָציאָנעלער שטראָם רייסט מיט דעם דענקער, און באַאיינפלוסט פון זיין אייגענעם ווילן נעמט ער זען זאַכן אַזוי ווי ער וויל זיי זען. („פּופּציק יאָר „בונד" און ציוניזם", זייט 297).

דער גראָדליניקער דענקער, וועלכער קוקט מיט אָפענע אויגן אויפן אַרום, ווען ער שאַצט אָפּ די צייט אין וועלכער מיר לעבן, וואָס דאַרף זיין די צייט פון מידת־הדין, ווייל מידת־הרחמים מיינט פאַרקריפּלען, מיינט ברענגען שאָדן (דער עיקר דער יידישער ליטעראַטור); ווי נאָר זיין געדאַנקען־גאַנג פאַרטשעפּעט אַ סטרונע פון זיינע פּאָלי־

טישע אַנטיפּאַטיעס, קען ער זיך מער ניט באַפרייען פון ציוניסטישן ווידערקלאַנג, וואָס זיי רופן אין אים אַרויס. דער מחבר פאַרלאָזט זיך דעמאָלט אַבסאָלוט אויף זיין אייגענער לאָגיק (הגם פּאָליטיק באַשטייט אויך פון פאַקטן).

אין דער הקדמה צום בוך רעדט דער מחבר טרעפלעך (און קלוג) וועגן צוריקטריט פון יוגנטלעכן מאַקסימאַליזם צום זקנישן מינימאַליזם. זאָלן מיר פאַראַפראַזירן און זאָגן אַז די רעפעראַטן טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון יוגנטלעכן מאַקסימאַליזם?

דער פּעריאָד פון 1946־1951 (די צייט ווען די רעפעראַטן זיינען געהאַלטן געוואָרן) איז געווען אַ שטורמישער אין דער יידישער געשיכ־טע. פון איין זייט, איז שוידערלעך קלאָר געוואָרן דער טראַגישער פאַרנעם פון אונדזער חורבן. פּנים־אל־פּנים מיט דער טראַגעדיע האָבן מענטשן, אפילו פאַרהאַרטעוועטע פאַרטיי־טוער, זיך איינגעבראָכן, גע־ביטן איינגעשטעלטע מיינונגען (פּאָליטישע ווי גייסטיק־עטישע) פון קעמפערישע אַטעאיסטן ביז פאַנאַטיש־רעליגיעזע און פאַרקערט.

פון דער צווייטער זייט — דער אויפקום פון מדינת־ישראל האָט צעפלאַמט און דערוואַרעמט די געמיטער, אפילו אומגלייביקע האָבן דערזען אַ משיח, וואָס וועט מיט איין מאַך מיט דער האַנט, ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע, פאַרריכטן אַלע עוולות.

אַז מען האָט אין זינען די פאָלקס־פּסיכיק פון דעם דאָזיקן פּעריאָד ביים פאַרטראַכטן זיך איבער די „זיבן רעפעראַטן אויף יידישע טעמעס", קען מען ערשט דאַן באַגרייפן די עמאָציאָנעלע טרייבקראַפט וואָס האָט באַוועגט דאָס ראָד פון לאָגיק, מיט וועלכער י. ראַפּאָפּאָרט האָט אויפ־געשריבן און געהאַלטן די זיבן רעפעראַטן.

אויב דער רעפעראַט „,בונד' און ציוניזם" באַהאַנדלט אַ קאָנקרע־טע טעמע, פאַרנעמען זיך די איבעריקע זעקס רעפעראַטן מיט אַלגע־מיינע פראַגן פון יידישן קיום. ווי נאָר דער עלעמענט פון אַ נ ט י באַפרייט דעם געדאַנקען־גאַנג פון די אויפגעצוואונגענע אידעאָלאָגישע פענטעס, דערשיינט פאַר אונדז אין איר פולער קראַפט די ברוויזנדיקע, שעפערישע געשטאַלט, וואָס איר גאַנג אויף די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור איז אַ גאַנג פול מיט זאָרג פאַרן גורל פון פאָלק.

עס איז גוט, וואָס דער מחבר האָט איינגעזאַמלט אין זיין שייער דעם שניט, די פרוכט פון זיין שאַפן, וואָס איז געווען צעוואָרפן איבער זשורנאַלן, צייטונגען אין פאַרשידענע לענדער, אין פאַרשידענע צייטן.

עס גיט דעם לייענער די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין די באַהאַנדל־טע פּראָבלעמען; עס דערנענטערט אים צו אַ ריי שרייבערס, דענקערס, גייסטרייכע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן דורך זייער שאַפן געלאָזן טיפע שפּורן אין דער ליטעראַטור, שפּורן וועלכע וועלן ניט פאַרווישט ווערן פון געשיכטלעכן שטויב; און די וואָס וועלן זיין פעאיק געניוג נאָכצו־פאָלגן די דאָזיקע שפּורן, וועלן דערגיין צו אַ העכער, גייסטיקער מדרגה.

דאָס בוך, ווי אַ גאַנצס, באַרייכערט און ברייטערט אויס די האָרי־זאָנטן פון לייענער.

און וואָס נאָך, אייגנטלעך, קען זיך ווינטשן אַ מחבר?

דיכטונג — דאָס גייסטיקע ברויט

„מהות פון דיכטונג״

דיכטונג איז אַן אינערלעך געזאַנג, וואָס רייסט זיך צו דער אויפֿבערפֿלאַך; אַן אינערלעכע שפּאַנונג, וואָס זוכט די אויסדרוקס־פֿאָרם פֿון וואָרט. דיכטונג קאָן אויך זיין דער אינערלעכער ציטער, וואָס באַפֿרוכפּערט דאָס טויטע וואָרט.

כדי מיר זאָלן דערשפּירן דאָס דאָזיקע געפּיל, דעם אינערלעכן ציטער איז נויטיק די פּרעציזע, קינסטלערישע געשטאַלטונג פֿון וואָרט.

ווען מיר זאָלן עס בילדלעך אילוסטרירן, וואָלט עס אויסגעזען אומגעפֿער אַזוי:

אַ שטראָמיקער טייך רייסט זיך פֿון דער נאַטור־ווילדערניש איבער ברעג, שטיינער־שוועלן און טראָגט אין זיינע וואַסערן אַ רויען כוח. ערשט דער מענטש צוימט די וואַסערן, רעגולירט זיי און נוצט אויס דעם רויען כוח פֿאַר פּראָדוקטיווע צילן. אַזוי איז דער דיכטער. ער נעמט דעם קוואַל, דאָס געזאַנג וואָס פֿליסט פֿון זיינע טיפֿענישן און גיט עס אויסדרוק. קליידט עס אָן אין וואָרט, און דורך דעם אויסדרוק קענען מיר ערשט דערשפּירן ווי טיף, ווי דורכדרינגלעך, ווי עכט דאָס דאָזיקע געפּיל איז אויפֿגעגאַנגען אין דיכטערס געמיט.

וואָס עכטער דער דיכטער איז, אַלץ שטאַרקער פֿילן מיר דעם אָפּקלאַנג פֿון זיין ליד אין אונדזער געמיט; אַלץ מער באַהעפֿט זיך אונדזער נשמה מיטן דיכטערס אין אַ גאַנצקייט. דריקן מיר דאַן אויס אונדזער באַגייסטערונג מיט אַ ספּאָנטאַנישן: אָ, ווי גרויס דער דיכטער איז!

„דיכטונג — זאָגט י. ראַפּאָפּאָרט — איז ווי דער „מן״ אין מדבר. ער איז געווען געטלעך. אָבער ער האָט געהאַט אַזוי פֿיל טעמים — וויפֿיל יידן עס האָבן אים געגעסן. דאָס זעלבע איז מיט דיכטונג: זי דערקוויקט אין גייסטיקן מדבר, זי איז געטלעך, אָבער יעדער גומען פֿילט אין איר אַן אַנדער טעם״ (זייט 18).

די קראַפט פון דיכטונג, איר אויסווירקונג אויפן מענטשן (מיט אַ פאַרשאַרפטן חוש פאַר דיכטונג) קען מען זען באַשיימפּערלעך פון דער הקדמה צום בוך: „מהות פון דיכטונג". דער מחבר גופא האָט איבער־געלעבט מאָמענטן, ווען דיכטונג האָט דערפילט אַ היילנדיקע פונקציע (אין פיזישן זין). דיכטונג קען אויך זיין (און אין מערסטע פאַלן — איז) היילנדיק, ווי אַ גייסטיקער באַלזאַם פאַר דער נשמה. זי ענדערט אירע שטימונגען; זי באַגייסטערט, אָדער נעמט אַרום מיט אַ וואַרעם געפיל פון רחמנות, מיטלייד, ליבע, און דער — פון דיכטונג פאַר־כישופטער — נעמט קוקן אויף דער וועלט מיט אַנדערע אויגן.

דיכטונג פירט אַזוי אַרום אויס אַ וויכטיקע פונקציע אין מענטש־לעכן לעבן. צווישן די לידער, פאַרפאַסטע אין לעצטן וועלט־קריג, כדי צו הויבן די קאַמפס־שטימונג ביים זעלנער, כדי אָנרעגן זיין פאַטריאָ־טיש געפיל, כדי ווידערשטאַנדס־פעאיק מאַכן זיין מאָראַל, איז דאָ אַ ליד — געווידמעט דעם ליד גופא:

ווער האָט עס געזאָגט:
מען דאַרף פאַרוואַרפן
דאָס ליד —
ווען מען גייט אין קריג?
נאָך דער שלאַכט —
עס בענקט דאָס האַרץ
נאָך מוזיק, מוזיק, מוזיק...

(פרייע איבערזעצונג פון רוסיש).

ווייל דאָס ליד, דאָס געזאַנג דריקט אויס די אינערלעכע געפילן פון זעלנער, באַרואיקט אים, און ברענגט אַנטשפּאַנונג די עמאָציעס וואָס ריזלען אין אים.

דאָס איז אַ באַוויז אַז — דיכטונג איז אַ נויטווענדיקייט.

„דיכטונג — **לערנט מיט אונדז י. ראַפּאָפּאָרט** — איז אַ נויטווענ־ווענדיקייט, וועלכע די מענטשן האָבן שיר ניט פאַרוואַנדלט אין אַ לוקסוס סיי פאַר די וואָס געניסן זי, סיי פאַר די וואָס געניסן זי ניט. און אין דאָזיקן פּרט טיילט די דיכטונג דעם גורל פון אַ סך אַנדערע מענטשלעכע באַדערפעניש, פיזישע ווי גייסטיקע. אין זיין פעאיקייט צו פאַרוואַנדלען דאָס נאַטירלעכע אין פּרוווערזעס, האָט דער מענטש פאַרוואַנדלט דאָס עסן שיר ניט אין אַ לוקסוס, סיי פאַר די געניסער פון דער פראַנצויזישער קיך, סיי פאַר די געניסער פון געפּעלשטע פּראָ־

דוקטן, סיי פאַר די כראָניש־הונגעריקע" (זייט 24). **אָט וואָס־זשע איז די סובסטאַנץ, דער מהות פון דיכטונג?**

„דיכטונג איז די פעאיקייט צו דערשפירן, צו איבערלעבן, אַרויס־צויבערן די נשמה פון אַ יעדער זאַך" (זייט 19).

די שפּראַך שאַפט דער דיכטער. ווייל אַ דיכטעריש געפיל קען אפילו אויפקומען ביי אַ שטומער חיה (ווי טיף פּסיכאָלאָגיש **דאָס ווערט באַגרינדעט אויף** ז. 26). **דאָס איז אָבער אַ פּרימיטיוו געפיל. ערשט דאָס וואָרט, געשאַפן דורכן דיכטער — מאַכט דעם דיכטער פאַר דאָס וואָס ער איז.**

„בלויז דיכטער וואָס שטייען אינטואיטיוו צום נאָענטסטן (אין מאָמענטן פון עקסטאַטישן שאַפן) צום אור־קוואַל פון וואָרט, קאָנען אַמאָל דערשפירן די געשיכטע פון זיין געבורט" (זייט 27).

אין דאָזיקן בוך באַקומען מיר אין פאַרשידענע פאָרמען די דעפי־ניציע פון דער קראַפט, וואָס מאַכט אַ דיכטער פאַר דעם דיכטער. **איינע אַזאַ דעפיניציע איז כדאי צו ציטירן:**

„אין אים פאַכטעט זיך פאַנאַנדער דער אַלגעמיינער פונק פון דיכ־טונג אין אַ פלאַם, ביים שיין פון וועלכן ניט נאָר מיר וואַרעמען זיך אָן, נאָר מיר געפינען און דערקענען אַדאַנק אים אונדזער אייגענעם פונק" (זייט 33).

איינע פון די אייגנשאַפטן פון דיכטונג איז — דער חלום.

„דער חלום — זאָגט י. ראַפּאָפּאָרט — איז אַ דירעקטער קרוב פון דיכטונג". **צום קלאָרסטן דערקלערט ער עס אונדז אויף די זייטן 40־41; הגם מיר האָבן וועגן דעם אָנדייטונגען אין די קאַפּיטלעך: „פּראַקטישע דיכטונג"** (זייט 72) **און אין „וואָס איז אַזוינס אַ דיכטער" (זייט 68).**

ווי אַן אילוסטראַציע צו דער פונקציע פון דיכטונג אין מענטש־לעכן לעבן, ציטירט דער מחבר אַ יידיש־דייטשן דיכטער — מאָזעס אפרים קוה: „איך מאַך אַ ליד ווי אַ זייד־וואָרים זייד. עס פייניקט מיך, עס מוז אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין" (זייט 44).

דאָס פּאַסירט אייגנטלעך ניט נאָר מיט דיכטער, נאָר אויך מיט פּראָזע־שרייבער, אפילו מיטן פּשוטן מענטשן. אַ געוויסע פּאַסירונג, אָדער איבערלעבונג, וואָס האָט צעטרייסלט זיין געמיט אָדער פּסיכיש אויפגעטרייסלט, און די איבערגעלעבטע סצענעס פאַרפאָלגן אים, לאָזן ניט רוען — ביז ער דערציילט עס ניט זיינע מיטמענטשן (דער פּראָ־

זאַאיקער — אין פאָרם פון אַ בוך) און ערשט דאַן געפינט ער זיין גייס־טיקע גלייכגעוויכט, דאַן דערפילט ער זיך לייכטער, רואיקער (אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן — זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל), די האַלוצינאַ־ציעס פון איבערגעלעבטן פאַרפאָלגן אים ניט מער (דאָס איז אויך איינע פון די סיבות פאַר וואָס מיר האָבן אַזאַ רייכע חורבן־ליטעראַטור).

דאָס באַדייט, אַז דיכטונג, ווי פּראָזע, דערפילט איר סאָציאַלע פונקציע ביים געבן דער געזעלשאַפט אַ גלייכגעוויכטיקן, דאָס מיינט — נוצלעכן מענטשן.

איז נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז דאָס קאַפּיטל „די סאָציאַלע פונקציע פון דיכטונג" (זייטן 33־52) איז ניט נאָר אַ גלענצנדער עסיי וועגן דער ראָל פון דיכטונג אין דער געזעלשאַפט, נאָר אַ טעאָרעטיש־פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון דער טעמע — באַוויזן און איבערצייגנדיק. עס געהערט צו יענע פילאָזאָפיעס וואָס העלפן צו פאַרשטיין און באַנע־מען; באַרייכערן אונדזער וויסן און ברייטערן אויס דעם גייסטיקן האָריזאָנט.

דער דיכטער און זיין שאַפן זיינען אָבער ניט קיין אָפּגעשלאָסענע זאַך — אַ פאַרזיכיקע איבערלעבונג; עס איז אַ טייל פון קינסטלערס לעבן — אַ גענוס וועלכן ער געניסט ביים שאַפן און וואָס גיט זיך איבער די לייענער — זיי לעבן איבער דורך דעם דיכטערס מעדיום דעם גענוס פון דיכטונג. ווייל קונסט און לעבן זיינען ניט קיין פאַר־שידענע באַגריפן. קונסט איז אַ טייל פון מענטשלעכן לעבן, אַן אונ־טערשיד אין וועלכער פאָרם דער מענטש געניסט די דאָזיקע קונסט.

און י. ראַפּאָפּאָרט, מיט דער צימצומדיקער אויסדרוק־פאָרם, מיט דער קלאָרער בילדלעכקייט שילדערט עס אַזוי:

„און ווען דער מענטש הייבט אויף דעם קאָפּ פון זיין אַרבעט און לאָזט פאַרזינקען זיין בליק אין האָריזאָנט, אין וואונדערבאַרן שאָטן־שפּיל פון יבין־השמשות, און ער דערזעט די פאַרבנשפּיל טיפער ווי בלויז מיטן אויג (זי דערגרייכט ביז זיין געמיט) איז עס אַ קונסט־אי־בערלעבונג, אַ פּראָדוצירעריש־געניסעריש, ווי יעדער שאַפונגס־אַקט" (זייט 89).

אַן ערנסטע פּראַגע מאַטערט דעם שרייבער ווי דעם לייענער: וואָס אַזוינס איז שונד? אין דער יידישער ליטעראַטור ווערט אָפּגעהיט אַ ניט־געשריבענער כלל: מען דאַרף אויסמיידן דעם פּראָבלעם פון גע־שלעכט. און אַז מען באַרירט שוין יאָ סעקס־פּראַגן, איז עס תמיד פאַרבונדן מיט אַ ניט־יידישער פרוי (שיקסע). אַ יידיש מיידל איז נאָר

דערלויבט אויפצורייסן די טירלעך פון ארון־קודש און אַריינשרייען איר ווײ... גייט אַ שרייבער אַראָפּ פון דאָזיקן וועג, און נעמט שילדערן זעלבשטענדיק, נעמט דערגרונטעווען זיך צום פּאַר וואָס מיט אייגענע, קינסטלערישע שילדערונגס־מיטלען (און ניט כדי צו רייצן אינ־סטינקטן פון לייענער), וואַרט אויף אים אַן אָנגעגליטער שטעמפּל וואָס וועט אויסברענען אויף זיין ווערק דאָס צעשמעטערנדיקע וואָרט — שונד.

עס איז דעריבער אינטערעסאַנט, ווי דער שטרענגער לייענער, דער מידת־הדין־קריטיקער, וואָס פאַרמאָגט אַ דיכטערישע נשמה אין דער האַרטער שאָל (און אפשר איז זי פאַרפּאַנצערט געוואָרן, כדי אָפּ־צושלאָגן די אָנגריפן אויף איר פון מידת־הרחמים, וואָס איז אַ ירושה־דיק־יידישע מידה, וואָס שרייבער פאַררופן זיך אויף איר, ווען עס האַנדלט זיך וועגן זייער ווערק...) פּאַסט אויף די דאָזיקע פּראָבלעמען.

אויף זייט 102 קלערט ער עס אויף (ווייל בדרך כלל האָט י. ראַפּאָ־פּאָרט ניט ליב מען זאָל אים גלייבן אויפן וואָרט):

„נעמט, למשל, אַזאַ גליטשיקן שטאָף ווי געשלעכט־באַציאונגען. ביים דאָזיקן שטאָף איז זייער לייכט אַראָפּצוגליטשן זיך אין תהום פון שונד. אָבער ווען איר לייענט אַזאַ בוך ווי מאָפּאַסאַנס „אַ לעבן", וואו דער שרייבער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר די דראַסטישע סצענעס, פילט מען ניט דעם קיצל פון פּאָרנאָגראַפיע, נאָר דעם עלעקטרישן אויפ־טרייסל פון קונסט.

„פאַרוואָס? ווייל מאָפּאַסאַן האָט געפילט דעם טראַגיזם פון זיין העלדינס איבערלעבונגען, ער אַליין איז געווען אויפגעטרייסלט ביזן גרונט פונעם בילד וואָס ער האָט געזען אין לעבן און אין זיין קינסטלע־רישער פאַנטאַזיע, און ער האָט עס אונדז געוויזן, כדי צוצוקומען דורך דעם כוח־הדמיון צום געוויסן".

* * *

אין ערשטן טייל פון בוך האָבן מיר פאַר זיך אַ טעאָרעטישע שטודיע — אַ ווערק וואָס איז ניט אָנגעשריבן געוואָרן מיט איין מאָל, נאָר איז אַ רעזולטאַט פון לאַנגיאָריקן טראַכטן, פון פאַרטיפן זיך אין ניט־יידישע ליטעראַטורן פון פאַרגלייכן און פאָרשן, כדי צו געפינען דעם ריכטיקן וועג און אים אָנווייזן די יידישע דיכטער. דאָס מיינט — אַ טיפער, ערנסטער צוגאַנג, ניט קיין סכאָלאַסטיש־קאַלטער, נאָר אַן איבערלעך־אָפּגעציטערטער, ווי מען ציטערט איבער אַ געליבט קינד. אַזוי צו דערקלערן דאַרף מען האָבן עכטן, ראַפינירטן שריפטשטעלע־

רישן טאַלאַנט. אָבער אַזוי צו פילן — מוז מען פאַרמאָגן די נשמה פון אַ דיכטער.

* * *

טריי דעם מעטאָד פון קאָנפראָנטירן אידייען, מיינונגען מיטן לעבן, ברענגט אונדז י. ראַפּאָפּאָרט אין צווייטן טייל פון ווערק אָפּהאַנדלונגען וועגן דיכטער, וואו מיר זעען ווי דער קריטיקער אַנאַליזירט זיי לויט דעם מעטאָד, ווי ער האָט עס מיט אונדז פריער געלערנט. ווען מיר פאָלגן נאָך די דאָזיקע קריטיק, באַקומט זיך אַלץ אַזוי נאַטירלעך, ניט געקינצלט און — ערלעך. מיר האָבן פאַר זיך ניט נאָר אַ קווער־שניט פון קריטיקערס שאַפן — מיר האָבן אויך דעם פאַרגעניגן צו זען ווי זיינע מיינונגען, זיינע האָפענונגען זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אָט ווי דער דיכטער אברהם סוצקעווער:

אין יאָר 1937 איז דערשינען סוצקעווערס ערשט בוך, מיט דעם באַשיידענעם נאָמען: „לידער", און י. ראַפּאָפּאָרט שרייבט דאַן וועגן אים: „אַ דיכטער איז צוגעקומען" (ז. 214). מיט אייפער פאָלגט דער קריטיקער נאָך סוצקעווערס דיכטערישן וועג (און וואוקס) און מיר זעען דעם דאָזיקן וואוקס אין אַ ריי אָפּהאַנדלונגען וועגן סוצקעווערס ביכער.

„מיט מיין גאַנצן חוש פאַר דיכטונג, זיינען מיר ליב יענע געדיכטן סוצקעווערס, וואו שפּראַך־פערז און קלאַנג־מייסטערשאַפט טרעטן ניט אַרויס סאָלאָ, נאָר זיי זיינען זיך מזווג מיט דיכטערישע בילדער און — געבוירט שעדעווורען פון דיכטערישער קונסט" (ז. 220). „מיר האָבן פאַר זיך אַ וואונדער פון געזאַנג — ווי איך האָב אַ נאָמען געגעבן איינס פון זיינע גרעסטע ווערק, „די געהיימשטאָט". ניט נאָר זיינע לידער און פאָעמען זיינען אַ וואונדער פון געזאַנג — ער גופא איז אויך דער וואונדער — ער איז דער זינגער און דאָס געזאַנג. עס זינגט ביי אים און פון אים, ווי אַ קוואַל רוישט און פליסט" (ז"ז 32־231).

און צוזאַמען מיטן קריטיקער האָבן מיר די סאַטיספאַקציע אַז אַ דיכטער איז צוגעקומען. און וואָס פאַר אַ דיכטער!!!

און ניט נאָר דווקא — סוצקעווער.

דאָס אויער פון י. ראַפּאָפּאָרטס געמיט דערהערט דאָס טרויעריקע געזאַנג פון אַזאַ שטילן (כמעט פאַרגעסענעם) דיכטער ווי אַלטער עסעלין:

„אין יעדן גוטן בוך דערקענט מען דאָס אינטימע פּנים פון מחבר. בפרט אין יעדן גוטן בוך ליריק. ליריק, וואָס מאַכט ניט בולט דעם

אינערלעכן מהות פון דיכטער, איז אַ זאַך וואָס איז גאָר ניט בנמצא. לייענענדיק עסעלינען, באַקענט איר זיך אינטים מיטן דיכטער, מיט אַלע זיינע אינערלעכע און אויסערלעכע קנייטשן. דאָס איז די גרעסטע מתנה, וואָס דיכטונג קאָן געבן — און גיט — דעם דיכטער ווי דעם לייענער" (זייט 250).

און וועגן רעליגיעזן דיכטער ישראל עמיאָט און זיין בוך: „אין ניגון איינגעהערט": „דאָס גאַנצע בוך איז אַן איינהאָרכן זיך אין אַ ניגון — צי דער ניגון איז טרויער, שרעק פאַרן טויט, צי דער ניגון איז פרייד פון שאַפן, פון אייביקייטס־געפיל — תמיד איז ער פולטאַניק, עכט־פשטותדיק ווי עכטע ליריק איז דאָס תמיד — און טיף־גרייפנדיק, אויך ווי עכטע ליריק" (זייט 289).

דער עסיי וועגן דיכטער איציק מאַנגערן איז שווער אַנצורופן תכליתדיקע אָפּהאַנדלונג. דאָס איז אַ געזאַנג וואָס דערגייט צו אונדז מיט קלאָרע, צאַרטע, שפּילעוודיקע טענער. אַזוי שרייבן קען נאָר אַ פאַרליבטער — וועגן אָביעקט פון זיין ליבע. און י. ראַפּאָפּאָרט איז פאַרליבט ביז שיכרות אין מאַנגערס פּאָעזיע. און ווען עס וועקט זיך דאָך אויף אין אים דער קריטיקער, און ער געפינט דאָ און דאָרט אַ שורה, אַ באַגריף וואָס באַפרידיקט ניט זיין הונגער נאָך עכטער דיכ־טונג, קען ער עס מאַנגערן ניט שענקען, ווייל:

„דאָס איז באַזונדערס פאַרדראָסיק דערפאַר. ווייל מאַנגער פאַר־מאָגט אַ געוואַלדיקע קראַפט פון אויסדרוק, פון סוגערירנדיקער סימ־באָליק, די״ה די קראַפט פון יבאַנוצן דעם קירצסטן וועג פון דיכטונג, וואָס דאָס מיינט קפיצת הדרך צו דער וועלט, צו דער נשמה און צו יעדער זאַך" (זייט 246).

דעם קווינטעסענס פון מאַנגערן רעזומירט דער פאַרליבטער קרי־טיקער אין עטלעכע שורות: „דאָס אויסהאַמערן אַ ליד איז אַ בשות־פותדיקע יצירה — פון דיכטערישן געמיט און פון קינסטלערישן קאָנען. מאַנגער איז אַ דיכטער וואָס פאַרמאָגט ביידע: אי אַ טיפן עמאָציאָנעלן ברונעם, אי אַ גרויסן קונסט־קאָנען" (זייט 248).

דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן י. ראַפּאָפּאָרטס בוך: „מהות פון דיכטונג". דאָס אָנשרייבן אַזאַ בוך איז אַ רעזולטאַט פון דיכטערישן געמיט און קינסטלערישן קאָנען.

י. ראַפּאָפּאָרט איז אַ שרייבער וואָס פאַרמאָגט ביידע.

* * *

דער מענטש איז — אין גרונט גענומען, אין זיין גאַנץ וועזן — אַן אומרואיקער, זוכערישער גייסט. ער באַגנוגנט זיך ניט מיטן פאַקט גופא, מיט דער דערשיינונג גופא ווי אַזעלכע, עס מאַטערט אים תמיד דער — פאַר וואָס? פאַר וואָס שיינט די זון בייטאָג און ס'איז וואַרעם, און די לבנה ביינאַכט און ס'איז קאַלט? וואָס איז די דערשיינונג וועלכע מיר רופן אַן — זומער, ווינטער, האַרבסט און פרילינג? פאַר וואָס פליט אַ פויגל הגם ער איז שווערער פון לופט? פאַר וואָס זאָל אַ מענטש ניט פליען?

אַט דער אומרואיקער גייסט, וואָס האָט געזוכט באַשייד אויף די פראַגן (און האָט זיי געפונען) זוכט נאָך אַלץ צו פאַרענטפערן, צו דער־קלערן די דערשיינונגען, וואָס זיינען נאָך ניט פאַרענטפערט. דער דאָזיקער דראַנג צו דערקלערן דעם פאַר וואָס האָט דעם מענטשן גע־שטויסן צו מאַכן אַנטדעקונגען, דערפינדונגען. דאָס איז די שטויס־קראַפט וואָס אַנטוויקלט דעם מענטשלעכן געדאַנק און אין רעזולטאַט דערפון האָבן מיר די שיינע, ציוויליזירטע וועלט מיט אַלע אירע טעכ־נישע, וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען.

ווייל דער מענטש האָט ניט נאָר הנאה געהאַט פון דער וואַרעמער זון, פון אירע שטראַלן — ער האָט געוואָלט פאַרשטיין דעם מהות פון אָט דער זון־דערשיינונג.

דער דאָזיקער זוך און דערקלער דראַנג שטויסט דעם מענטשן ניט נאָר אויפן געביט פון נאַטור־וויסנשאַפט, טעכניק, פיזיק, כעמיע. ער זוכט אויך צו דערקלערן דעם פאַר וואָס פון מענטשלעכן כאַראַק־טער, זיינע פירונגען, זיין גייסטיקן שטייגן אָדער פאַלן, זיין פעאיקייט אָדער אומפעאיקייט. מיט איין וואָרט — דער מענטש וויל דערקלערן זיך אַליין און זיינע אינטעלעקטועלע קאָמפּלעקסן.

דיכטונג איז איינע פון די דערשיינונגען מיט וועלכע דער מענטש קומט אין באַרירונג, אָנהויבנדיק פון זיין פריער פרימיטיווקייט ביז דער גייסטיק־ראַפינירטער פאָרם פון היינט, הגם ניט אַלע מאָל גיט ער זיך אָפּ אַ חשבון דערפון.

אַן עכטע דיכטערישע יצירה — מעג עס הייסן: ליד, באַלאַדע, אָדער סאָנעט — רעדט צום מענטשנס נשמה, באַווירקט זיין געמיט אויף פאַרשידענע אופנים. אַ קאַמפּס־ליד קען אַ שטילן, רואיקן מענטשן אַרויספירן אויף באַריקאַדן; אַ טרויער ליד (דאָס רוב וואו עס שפיגלט זיך אָפּ דער אומעט פון אַן איינזייטיקער, אָדער ניט דערגרייכטער ליבע) קען רירן ביז געוויין, און ס'זיינען אפילו באַקאַנט פאַלן, ווען

זייטיקע מענטשן, באַווירקט פון דעם ליד, זיינען באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד.

דורכן צויבער פון ליד קען אַ האַפּענונגסלאָזער מענטש מיט אַ מאָל זיך דערפילן ווי אַ שותּף צו דער וועלט...

אויב דיכטונג פאַרמאָגט אַזאַ קראַפט (כאָטש מיר קענען עס ניט אויסמעסטן מיט די מאָסן, וועלכע זיינען אונדז באַקאַנט) טאָ וואָס אַזוינס איז דיכטונג?

* * *

ווי יעדער אומרואיקער זוכער, האָט זיך י. ראַפּאַפּאָרט ניט באַגנוגנט מיט הנאה האָבן פון דיכטונג, נאָר געוומען זוכן, פאָרשן, אויפקלערן דעם פּאַר וואָס, דעם מהות, אָדער די סובסטאַנץ פון דיכ־טונג. דאָ איז י. ראַפּאַפּאָרט שוין ניט דער קריטיקער, דער עסייאיסט. דאָ האָבן מיר פאַר זיך דאָס ווערק פון אַ וויסנשאַפטלער, אַ טעאָרעטי־קער וואָס באַגרינדעט די קראַפט וואָס שאַפט דאָס ליד, און אויך די קונסט פון דיכטונג:

„די קונסט פון דיכטונג באַשטייט ניט נאָר אין פאַרמאָגן באַפליגל־טע בילדער און געדאַנקען, נאָר אויך קענען באַפליגלען די שפּראַך אַזוי, זי זאָל ניט זיין שווער־וואָגיק, זי זאָל זיין דורכזיכטיק און לייכט ווי עטער, זי זאָל ניט שטיין ווי אַ שאָטן צווישן בילד און דעם אויפ־נעמענדיקן געמיט, צווישן דיכטערישן געדאַנק און דעם אויפנעמענ־דיקן מוח. דאָס איז פאַר פּראָזע אויך געזונט, אָבער אַ ליד קען אָן דעם ניט לעבן" (זייט 122).

* * *

מיר וואונדערן זיך טייל מאָל: וואָס איז אַזוינס אַ דיכטער? ווי אַנטפּלעקט ער זיך? מיט וואָס איז ער אַנדערש? אָט זיינען מיר ביידע געזעסן און געטרונקען טיי, געשמועסט און זיך צעגאַנגען. איך האָב מיך געלייגט שלאָפן, און דער דיכטער האָט אָנגעשריבן אין דער זעל־בער נאַכט דאָס וואונדערבאַרע ליד, וועגן וועלכן מענטשן האָבן יאָרן לאַנג גערעדט און האָבן עס דעקלאַמירט. ווי אַזוי איז עס געשען? און אָט עפענען זיך מיט אַ מאָל אונדזערע אויגן און מיר דערזעען דעם געבורט פון אַ דיכטער:

„איך זוך קיין מאָל ניט קיין פאַרגלייך. עס וואַקסט אין מיר דער פאַרלאַנג עפּעס אויסצודריקן; דער דאָזיקער פאַרלאַנג זוכט פאַר זיך אַן אויסדרוק — ניין, ער זוכט ניט, נאָר ער קוועלט אַלץ מער און מער

אָן מיט דאַרשט נאָך אַן אויסדרוק. איך פיל, אַז מיט פּשוטע סתם־ווערטער וועט זיך דאָס ניט לאָזן אויסדריקן — יעדנפאַלס איז דאָס אַ צו לאַנגער וועג. און מיט אַ מאָל הויבט זיך אָן צו צאַפּלען אַ פּאַר־גלייך, אַ בילד — אָבער ער טויג ניט, איך וואַרף אים אָפּ, עפּעס אין מיר וואַרפט אים אָפּ אָן מיין ווילן, אומבאַפרידיקט. און אַזוי אַ צווייט מאָל, אַ דריט ביז עס גיט אַ שווים אַרויף אויבנאָן, פון עפּעס אַ טיפע־ניש, אַ בילד וואָס יברענגט אויסלייזונג דער בענקשאַפט נאָך אַן אויס־דרוק. איך זוך קיין מאָל ניט קיין בילד — אַ בילד נעמט פּיקן אין מיר, ווי אַ הינדעלע אין איי־שאָל ווען עס זוכט אַן אויסגאַנג! און פלוצלונג צעבריכט עס די שאָל און אַט עקזיסטירט עס שוין, אַ פּאַר־טיקס, אַ לעבעדיקס, אַ שלימותדיקס אין זיין אָרגאַנישער צוועקמעסי־קייט, אריינפּאַסנדיק זיך נאַטירלעך אין דער אַרומיקער וועלט, בילדנדיק אירן אַן אינטעגראַלן טייל" (זייט 132).

* * *

אין ליטעראַטור, ווי אין לעבן (ווייל ליטעראַטור איז לעבן) טרעפן מיר זיך אָן אויף ווילדגראָז. אויב אָבער אין לעבן קענען מיר דאָס דאָזיקע ווילדגראָז אָנטאַפּן מיט אונדזערע חושים, דערקלערן לויט פעסטגעשטעלטע געזעצן — בלייבן מיר אָפּט אין דער ליטעראַטור שטיין ביי אַ שוועל, ניט אַריבערצושפּרייזן. מיר קענען זיך ניט אָנט־שיידן: איז עס קונסט אָדער שונד?

און דאָ קומט אונדז י. ראַפּאָפּאָרט צוהילף:

„קונסט דעגראַדירט ניט דעם שטאָף, צו וועלכן זי רירט זיך צו; אדרבא — זי דערהויבט אים; זי עקספּלאָאַטירט אים ניט, זי פּראָסטי־טואירט אים ניט — זי איז זיך מזווג מיט אים בקדושה ובטהרה, פון אינערלעכער נויטווענדיקייט, פון אָרגאַנישער נויטווענדיקייט; כדי אי־יבערצוגעבן, כדי אויסצודריקן וואָס זי פילט, מוז זי באַנוצן דאָס דראַס־טישע, ווייל דער קינסטלער האָט אין דעם, גראָד אין דעם, באַמערקט די סימבאָל־מעגלעכקייט, די מעגלעכקייט צו ווירקן אויף אונדזער פאַנטאַזיע און איבערצייגן אונדזער פאַרשטאַנד, רירן אונדזער האַרץ, אויפטרייסלען אונדזער געוויסן" (זייט 103).

* * *

מיר טרעפן זיך אָן אין בוך אויף מוסטערן פון י. ראַפּאָפּאָרטס קריטיק, וואָס באַהאַנדלט דער עיקר דיכטונג. אין אַ ביז גאָר דורכ־דרינגלעכער, איבערצייגנדיק־קלאָרער אָפּהאַנדלונג (וואַרשע 1938) באַ־

ווייזט דער קריטיקער דאָס זינלאָזע פון י. גלאַטשטיינס יידיש־טייטשן, און קומט צום אויספיר:

„יאָ, אינהאַלט איז געזאַנג, דיכטונג איז פולע לאָגלען אינהאַלט, דיכטונג איז שטילקייט און שטומקייט, וואָס פאַרמאָגט זעק מיט רענד־לעך רייד. אָבער ווען עס איז ניטאָ קיין אינהאַלט ווערט די שטילקייט עקסצענטריש שרייאיק און די זעק מיט רענדלעך ווערן פאַרוואַנדלט אין שערבלעך און פאַיאַצן־גלעקלעך" (זייט 235).

די וואָג פון י. ראַפּאָפּאָרטס קינסטלעריש וואָרט ליגט ניט נאָר אין דעם וואָס ער זאָגט, נאָר אויך אין דער פאָרם דורך וועלכער ער ברענגט דאָס קינסטלערישע וואָרט צום אויסדרוק:

„ביים לייענען לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמע „אבעלאַר און הע־לואיז" האָט זיך צעקנאָספּט אַ געפיל, וואָס איז געוואַקסן און אויפגע־פלאַצט אין אַ בילד: ‚של נעליך, כי קדוש המקום הזה'. לייוויק פירט אונדז אַוועק — ווי אַ סך מאָל — אויף אַ הייליקן באָדן, געהייליקט דורך גרויסן מענטשלעכן ליידן, דורך אַ גרויסער פייניקנדיקער פּראָבלעם. אָבער ווען מיר גייען אַריין מיט באַרוועסע פיס און אַ ציטערנדיק האַרץ אין הייליקטום, וואָס לייוויק האָט אויפגעבויט אויפן דאָזיקן הייליקן אָרט, ווערן מיר אַנטוישט: מיר פילן זיך דאָרט צו וואָכעדיק".

* * *

ווען מען לייענט דאָס בוך האָט מען אָפּט דאָס געפיל: מען שפּאַ־צירט דורך אַ זומערדיק־צעגרינטן פּאַרק. מיר הערן פייגל צוויטשערן, דאָס שאָרכן פון ווינט צווישן די בלעטער, אַ וואַסערפּאַל רוישט — אָבער נאָכן פאַרלאָזן דעם פּאַרק פאַרגעסן מיר די אַלע טענער, כאָטש דאָס געפיל פון איינדרוק צאַפּלט נאָך ערגעץ וואו. ערשט דער מוזי־קער, וואָס הערט זיך צו צו דעם אינערלעכן לעבן פון פּאַרק, פּאַראיי־ביקט עס אין מוזיק — דורך דעם פאַראייביקט ער אויך אונדזער געפיל ביים שפּאַצירן אין פּאַרק.

אַ ווערק וועגן דיכטונג — אָט דאָס ברויט מיט וועלכן דער מענטש שטילט זיין גייסטיקן הונגער, איז אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דעם דאָזיקן געפיל.

דורך דעם, וואָס מיר נעמען פאַרשטיין דאָס דאָזיקע געפיל, מיר נעמען אָנען די קראַפט וואָס קוועלט אָן אין אונדז דורכן דיכטערס שאַפונג — ווערן מיר אַ שותף צום באַשאַף פון אינטעלעקטועלער דערהויבנקייט — דיכטונג.

מענטש און געוויסן

„פראַגמענטן פון אַ לעבן"

דער שליסל צו דער מענטשלעכער נשמה, דעם מענטשנס כאַראַקטער, זיינע שטרעבונגען; זיין אויסקלייבן דעם אָדער יענעם וועג אין לעבן; זיין אָנשליסן זיך אין דער אָדער יענער פּאָליטישער גרופּע; אָדער בלייבן גאָר געזעלשאַפטלעך פּאַסיוו — אָט דעם שליסל פאַרמאָגט דער מענטש אַליין. נאָר ווי עס פּאַסירט אָפט ווייס ניט דער מענטש וואו דער דאָזיקער שליסל געפינט זיך. במילא ווייס ער ניט וואו ער האָט אים צו זוכן. דעריבער בלייבט געוויינלעך די רעטעניש פון דעם מענטשנס כאַראַקטער ניט געלייזט. סיידן עס ווירקן געוויסע סיבות און ער הויבט אָן זיך באַראַטן מיט אַ פּסיכאָלאָג, וועלכער פּרובירט געפינען דעם שליסל פאַר דעם מענטשן, כדי אויפצושליסן דעם סוד פון זיין אויפפיר.

ביאָגראַפיע־שרייבער פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן באַווירקט אָדער איינגעקאַרבט זייער אינדיווידועלן קען־צייכן אויף דער צייט אין וועלכער זיי האָבן געלעבט — זיינען אויך אין אַ געוויסער מאָס פּסיכאָלאָגן, וועלכע ווילן זיך דערגרונטעווען צו די טיפענישן פון דער נשמה פון זייער העלד, כדי צו קענען בעסער פאַרשטיין זיינע האַנדלונגען; זיין אויפשטייג אָדער דורכפאַל — דערגרייכטע אָדער דורכגעפאַלענע צילן, וועלכע זיי האָבן זיך געשטעלט — אַלץ איינס אויף וועלכע געביטן: אין דער וויסנשאַפט, פּאָליטיק, ליטעראַטור אָדער קונסט.

שרייבער, פּען־מענטשן שרייבן מערסטנטייל אַליין זייערע זכרונות, ביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען — פראַגמענטן פון זייער לעבן. זיי זוכן אַליין דעם שליסל צו דעם — פאַר וואָס?!

געוויינלעך טוען זיי עס אינעם פאַרנאַכט פון זייער לעבן. מיט אינטעלעקטועלער, שרייבערישער צייטיקייט טוען זיי אַ קוק דורך זייער קינדערשער וועלט און דערזעען מיט אַ מאָל זייער אַרום, די געשעענישן — זייערע אייגענע האַנדלונגען — און אַז עס ווערט קלאָר פאַר זיי

דער פאַר וואָס — דער אימפּולס פאַר אַזאַ אָדער אַנדער רעאַקציע, דערפרייען זיי זיך מיטן געפונענעם שליסל צו דער אייגענער נשמה.

און אויב זיי פאַרמאָגן אויך גענוג טאַלאַנט איבערצוגעבן זייערע באַאָבאַכטונגען, אַנטדעקונגען און אויספירן אין רשות פון געדרוקטן וואָרט, דעמאָלט באַקומט דער לייענער אַן אינטערעסאַנטן, באַלערנדיקן בוך, אַ בוך דורך וועלכן ער דערזעט ניט נאָר דעם מחבר — און זיין דור — נאָר אויך זיך אַליין. ווייל כמעט שטענדיק פּרובירט דער לייענער אָנמעסטן די טאַטן, די פירונג, די אויפטועץ פון די העלדן אויף זיך אַליין.

אַזאַ ווערק איז י. ראַפּאַפּאָרטס ניי בוך „פראַגמענטן פון אַ לעבן".

ווען אַ מאָלער וואָלט געוואָלט אויסדריקן די אידייען פון בוך אין אַ בילד (ווייל עכטע קונסט קען קריגן איר אויסדרוק ניט נאָר אין ווערטער, נאָר אויך אין פאַרבן, אין אַ פּלאַסטישער פאָרם), דעמאָלט וואָלט דער מאָלער אויפגעצייכנט אַ וואָג מיט וואָג־שאָלן, אויף וועלכע עס באַלאַנסירט זיך דער מענטש און זיין געוויסן.

דאָס איז אייגנטלעך דער מאָטיוו, די גרונט־אידיי צוליב וועלכער אָט דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן.

אָבער דאָ טרעפן מיר אָן אויף אַ זעלטענער דערשיינונג: דאָס רוב פאַרלאַנגט אַ שרייבער פּאָזיטיווע שטריכן ביי אַנדערע — אין דעם בוך זוכט דער מחבר הומאַניטאַרקייט, געוויסן און קרבנות־גרייטקייט פאַר פּרינציפּן ניט נאָר ביי זיין מיט־מענטש, נאָר קודם ביי זיך אַליין.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס דער מחבר עפנט אויף זיין מענטשן־שטודיע מיט אַ קאַפּיטל וועגן די יאַפּאַנער וועלכע ער האָט באַגעגנט, און נאָך מער ווי באַגעגנט: ער האָט זיי ממש געפילט אויף זיין אייגענער הויט — אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין געטאָ פון שאַנכיי.

ביי זיך אין דער היים, אין יאַפּאַן, ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען, איז דער יאַפּאַנער אַ מוסטער־מענטש: וואַרעם, צוגעלאָזן, הומאַניטאַר, העפלעך, גוט דערצויגן.

אָבער — צי זענען די ערב־היטלער־דייטשן ניט באַצייכנט געוואָרן ווי דאָס ציוויליזירטסטע פאָלק פון אייראָפּע?...

י. ראַפּאַפּאָרט וויל פאַרשטיין, וויל באַגרייפן די פּסיכאָלאָגיע פון די יאַפּאַנער, ווי אָקופּאַנטן: זייערע זינלאָזע גרויזאַמקייטן; זייער צעוויל־דעוועטע בלוט־דורשטיקייט. אין אַזעלכע באַדינגונגען קריכט זייער אָפּט אַרויס דער אור־מענטש און זיין ווילן צו הערשן, צו שטעלן זיך

אויף אַ שטאַפּל העכער פון די אַרומיקע. כאָטש ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דער לאָגיק פון דער זאַך, קען מען זיך פאָרשטעלן, מ׳שטיינס געזאָגט: וואָס באַדייט עס צו הערשן איבער פאַרוואָגלטע, שוצלאָזע מענטשן, אַ טייל פון וועלכע האָבן שוין בכלל רעזיגנירט פון לעבן — גייענדיקע מתים.

און אָט —

דער יאַפּאַנישער באַאַמטער פון האַנקיו־דיסטריקט, גאָיאַ — איז ווי דער יודנראַטלער פון לאָדזשער געטאָ, רומקאָווסקי;ביידע האָבן זיך געקרוינט מיטן טיטל — קעניג פון די יידן.

אָבער דער קינסטלער, ביי וועמען די געפילן פון מענטשלעכקייט, הומאַניזם זיינען ניט אַטראָפּירט געוואָרן אין אָט די אוממענטשלעכע באַדינגונגען, טרעפט אויך אָן אויף אַ באַאַמטן פון דער יאַפּאַנישער זשאַנדאַרמעריע לעאָפּאָלדאָ היראָקאַוואַ — און מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט זיך פאַרן מחבר אויך דער מענטש. ער בלייבט שטיין פּנים אל פּנים מיט דעם אויסגעבענקטן, לאַנג געזוכטן מענטשן אינעם יאַפּאַנער. און הגם זיי קענען זיך קוים פאַרשטענדיקן צוליב דער שפּראַך־באַריערע, דערפילן זיי אָבער אַ נאָענטקייט צו זיך, אַ מענטשלעכע וואַרעמקייט, וועלכע סטימולירט און דערפרייט און גיט האָפענונגען, אַז אפילו צווישן די הערשער אין דזשונגל זיינען נאָך אויך דאָ מענטשן.

לייענען מיר דאָס קאַפּיטל און ווערן דערשיטערט און דורכגענו־מען מיט מיטגעפיל צו די קרבנות — מיר ווערן אָבער קאָמפּענסירט מיט דער פיינער, וואַרעמער באַשרייבונג וועגן יאַפּאַנער לעאָפּאָלדאָ היראָקאַוואַ, און אונדז נעמט זיך דוכטן — ווייל מיר ווילן גלויבן — אַז צו אָט די היראָקאַוואַס געהערט דער מאָרגן און ניט צו די פאַר־דאָרבענע, רויע עלעמענטן ווי גאָיאַ.

אָבער י. ראַפּאַפּאָרט זוכט ניט נאָר דעם מענטשן אין יענעם — ער זוכט אים אויך אין זיך. ער פאַרלאַנגט ניט נאָר אַז יענער זאָל זיין ערלעך, יענער זאָל זיין געוויסנהאַפט, האָבן אַ באַציאונג צו זיין מיטמענטש — ער פאַרלאַנגט עס אויך פון זיך. און דאָס אילוסטרירט פאַר אונדז דאָס קאַפּיטל וועגן ת. עדותן.

אין לעבן פון שרייבער י. ראַפּאַפּאָרט איז געווען אַ ריגער פעריאָד (פונקט ווי ס׳איז געווען אַ ביאַליסטאָקער, בערלינער, וואַרשעווער און ס׳איז אויך דאָ אַ מעלבורנער...).

אין ריגער פעריאָד איז י. ראַפּאַפּאָרט געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער ריגער יידישער צייטונג „דאָס פאָלק".

אין דער דאָזיקער צייטונג האָט ער אויסער ליטעראַרישע פּראָב־לעמען, באַהאַנדלט אויך טאָג־פראַגן. איז פאַרשטענדלעך: עס זיינען תמיד געווען ניט־צופרידענע, וואָס זייערע האַנדלונגען האָבן באַקומען אויף די שפאַלטן פון דער צייטונג זייער ריכטיקע באַלייכטונג, הגם די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען האָבן גריילעך געוואָלט אַז געוויסע זאַכן זאָלן בלייבן פאַרשאָטנט.

זייענדיק אַליין אַ ציוניסט, האָט זיין בייסיקע, פּעליטאַניסטישע פעדער ניט אויסגעמיטן צו קריטיקירן די אויפנאַמע פאַר אַזאַ ציוניס־טישן גדול ווי אוסישקין — דעם אייזערנעם קאַנצלער פון ציוניזם.

עס דאַרפן פאַרקומען פאַרלאַמענט־וואַלן אין לעטלאַנד, וואָס האָט אַ היפּשע יידישע באַפעלקערונג. די צייטונג איז אַ פּריוואַט געשעפט, און איז דעריבער געצוויגט צו שטיצן דעם קאַנדידאַט אָדער די פּאַרטיי, וואָס קאָן בעסער באַצאָלן.

און אָט —

אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 30, וועלכער זיצט אויף אַ נישקשהדיקן פּאָסטן, שטעלט אַ באַדינג דעם באַלעבאָס, וואָס הייסט מיטן מאָדנעם נאָמען — עדות:

— די צייטונג טאָר זיך ניט פאַרקויפן דעם אגודה־קאַנדידאַט, הגם מ'קען אַריינקריגן עטלעכע טויזנט דאָלאַר.

דער יונגערמאַן רעדט צום געוויסן פון אַרויסגעבער. פאָדערט אנשטענדיקייט, און ווייל יענער וויל ניט נאָכגעבן (אַ קלייניקייט — פּרנסה!), גיט דער יונגערמאַן אויף דעם פּאָסטן. ער שטעלט די פּראַגע פון געוויסן העכער פון דער גורל־פראַגע — פּאָסטן. ער ברענגט זיין אַרבעט פאַר אַ קרבן צוליבן געוויסן. ניטאָ קיין פּשרות מיטן געוויסן. אין צווישן האָט עמיצער געזען, אַז י. ראַפּאָפּאָרטס אויפהאַלט־דערלוי־בעניש אין לעטלאַנד זאָל ניט באַנייט ווערן...

י. ראַפּאָפּאָרט פאַרלאָזט ריגע. ער גיט אויף אַ פּאָסטן, אַ טרי־בונע, צוליבן פּרינציפּ פון געוויסן, צוליב אידעאָלאָגישער איינשטעלונג. ער האָט ביי זיך, דעם וועלטלעכן יידן, ניט געקענט פועלן, אַז זיין צייטונג זאָל אַגיטירן פאַר אַ אגודה־קאַנדידאַט; אַגיטירן ניט צוליב איבערצייגונג נאָר — צוליב אַמעריקאַנער דאָלאַרן...

אין ריגער עפּיזאָד באַקענען מיר אַ טשעקאַוון טיפּ, וועלכן י. ראַפּאָפּאָרט באַשרייבט טרעפלעך און ביז גאָר בעלעטריסטיש — טאַקע דעם אינזשיניער עדות — דעם אַרויסגעבער פון דער צייטונג „דאָס פאָלק".

* * *

ביז גאָר רירנדיק — און עס לייענט זיך ממש ווי אַ לירישע פּאָעמע — איז דאָס קאַפּיטל וועגן מחברס ברודער שמואל — „דער ריינער געוויסן".

י. ראַפּאָפּאָרט האָט געפֿונען די סובסטאַנץ פֿון ריינעם געוויסן און ער זינגט צו איר שירה. עס איז ניט קיין געזאַנג פֿון אַ ברודער וועגן אַ ברודער — ווייל ער איז זיין ברודער — עס איז דאָס געזאַנג וועגן אַ לאַנג אויסגעבענקטן טרוים, וועלכער איז פֿאַרקערפּערט אין דער לעבעדיקער געשטאַלט פֿון דאָזיקן ברודער.

און איך נעמט אַרום אַ מאָדנע וואַרעמקייט, און איר דערפֿילט אַ פֿייכטקייט אין די אויגן. און ערגעץ וואו נעמט איר זיך אַליין ווינטשן צו קענען דערגרייכן אָט די מדרגה, צו וועלכער ס'האָט דערגרייכט דער ברודער שמואל. צייטנווייז נעמט זיך איך דאַכטן, אַז דער דאָזיקער ברודער איז ניט קיין ערדישע דערשיינונג, נאָר אַן אויסגעבענקטע געשטאַלט אין שעפֿערישן מוח פֿון אַ פּאָעט, אָדער אידעאַליסט, וועלכער טרוימט פֿון קומענדיקן מענטשן.

דער פּאָעט האָט אויסגעחלומט אַן אייגענעם, אַ פּערזענלעכן, אַ גאַנצן מענטש, כדי צו האָבן צו וועמען אַרויפֿצוקוקן, צו ריכטן זיינע געזאַנגען.

אָבער דער ברודער שמואל איז געווען אַ לעבעדיקער מענטש און דעריבער איז אונדזער באַוואונדערונג פֿאַרן דאָזיקן מענטשן — גע־שילדערט דורך די קינסטלערישע מיטלען פֿון מחבר — נאָך שטאַר־קער, נאָך טיפֿער, טאַקע דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען אַ מענטש פֿון בלוט און פֿלייש אויסגעשטעלט אויף שטרויכלונגען, ווי מיר אַלע, און איז זיי ביי געקומען.

* * *

יידן וואָגלען. ווי נעכטן וואָלט עס געווען: מען איז געלאָפֿן פֿון די נאַציס, מען איז געלאָפֿן פֿון די באָלשעוויקעס, מען איז געלאָפֿן פֿון אונדזערע „ליבהאַרציקע" פּוילישע שכנים — פֿון 1939 ביז אַרום 1948 זיינען די וועגן פֿון אייראָפּע פֿול געווען מיט יידן, וואָס האָבן געזוכט אַן אַנטרינונג, אַ שפּעלטל זיך אַריינצוקוועטשן, כדי אָפּצוראַטעווען דעם געטלעכן פֿונק וואָס הייסט — לעבן.

טרעפֿן מיר דעם מחבר אויף זיין וואַנדער־וועג. ער שילדערט עס אונדז אין אַ קורץ קאַפּיטעלע „איישישאָק" (ווייל קורץ, קאָנדענסירט

שרייבן — דאָס געהערט צו ראַפּאָפּאָרטס פיינעם סטיל), אָבער אָנגע־לאָדן איז דאָס קאַפּיטל מיט מענטשלעכער טראַגעדיע און מענטשלעכער גראָטעסקייט, אַז איך נעמט זיך דאַכטן: דאָס קאַפּיטעלע איז בכוח אויפ־צורייסן אַלע דאַמבעס פון געפילן אין מענטשן, געפילן וועלכע מען באַמיט זיך געוויינלעך ניט אַרויסצווייזן פאַר זייטיקע, געפילן וועלכע רודערן אייך אויף, און צערודערן, נעמען אַדורך ביזן ביין.

איר האָט פאַר זיך דאָס געפיל פון מענטשלעכער ליבע; איר האָט אויך פאַר זיך אַ פרעמדן, זייטיקן מענטשן — דעם שוחט פון איישישאָק, וואָס איז אויך גרייט אויף קרבנות, כדי צו העלפן אָט דעם מענטשן. און ניט נאָר אים: עס איז די ליבע צום פאָלק, צום יידן, צום געיאָגטן פּליט, וואָס זוכט אַ ווינקעלע אויף גאָטס ערד, אָוועקצולייגן דעם מידן גוף; אַ פּליט וואָס בענקט נאָך רו, נאָך זיכערקייט.

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטעלע „איישישאָק" דערשיינט פאַר אונדז דער מחבר ווי אַ ראַפינירטער בעלעטריסט, וואָס פאַרמאָגט דעם טאַ־לאַנט און כוח ניט נאָר אָנצושטעקן דעם לייענער, אַריינציען אים אין ווירוואַר פון געשעענישן און געפילן, נאָר דער קינסטלערישער אמת דערשיינט דאָ ווי אַ וואַסער־פאַל, וואָס רייסט מיט דעם לייענער און טראָגט אים מיט ביז צום סוף, ווען די טראַגישע איבערלעבונג ווערט באַגאָסן מיט זונען־שיין. דער לייענער ווערט אַ שותף צו די געפילן, די שטימונגען, דער שפּאַנונג. די שילדערונג איז אַזוי דורכדרינגלעך, אַזוי פּרעציז, אַז מ'קען פּשוט ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווייל אויך דער העלד האָט נאָך ניט אָפּגעאָטעמט פריי.

אין אָט דעם קאַפּיטל „איישישאָק" ווערט דער שטרענגער קריי־טיקער י. ראַפּאָפּאָרט פאַרוואַנדלט אין אַ ליריקער, וועלכער איבער־צייגט אונדז אין דער עכטקייט פון זיינע געפילן.

* * *

מיר הערן אָפט דעם אויסדרוק: געוויסנהאַפטע, ערנסטע באַצי־אונג צו ליטעראַטור. וואָס מיינט עס? וואָס מיינען בכלל ווערטער אין אונדזער צעמישטער צייט פון דעוואַלואירטע ווערטער און באַגריפן? צי קענען ווערטער תמיד באַדייטן דאָס וואָס זייער אינהאַלט איז מחייב אַז זיי דאַרפן באַדייטן?

ווען מיר לייענען אָבער איבער דאָס קאַפּיטל אויף זייט 99 „ער איז געוואָרן געוואָרן" — דעמאָלט דערזעען מיר באַשיימפּערלעך, וואָס עס מיינט געוויסנהאַפטע באַציאונג צו ליטעראַטור.

ווען אַ הונגעריקער, פרירנדיקער מענטש זאָגט זיך אָפּ פון אַ גוטן פּאָסטן, ביי וועלכן מען אַרבעט זייער ווייניק און מען פאַרדינט זייער גוט, בלויז דערפאַר וואָס אים דוכט זיך אַז עס איז ניט אין הסכם מיט זיין ליטעראַרישן דרך, אַז דאָס וועט זיין אַ זינד לגבי דער ליטע־ראַטור — ווען אָט דער מענטש זאָגט אַרויס די ווערטער: געוויסנ־האַפטע באַציאונג צו ליטעראַטור — מוזן מיר אים גלויבן. און נאָך מער ווי גלויבן, מיר בעמען איינזען, אַז ליטעראַטור איז פאַרן דאָזיקן מענטשן ניט בלויז אַ מיטל אַרויסצוברענגען געדאַנקען, געפילן, שטי־מונגען — נאָר אַ הייליקע עבודה, פאַר וועלכער ער אַליין ברענגט זיין קרבן. מיר מוזן האָבן דרך־ארץ פאַר אָט דעם צוגאַנג צו ליטע־ראַטור אויך דעמאָלט, ווען דער דאָזיקער שרייבער פאַרלאַנגט אַזאַ מין צוגאַנג צו אַנדערע שרייבערס, ווייל נאָר דער האָט רעכט צו פאָדערן אַ קרבן פאַר דער ליטעראַטור, ווער עס ברענגט אַליין אַזאַ קרבן.

מען האָט טענות צו י. ראַפּאָפּאָרטן פאַר ליטעראַרישע אָפּהאַנד־לונגען, וועלכע טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון מידת־הדין. אָבער פאַר וואָס זאָל ער פון אַנדערע פאָדערן ווייניקער, ווי פון זיך אַליין?

לייענען מיר איבער דאָס קאַפּיטל אויף זייט 99 און זיינען זיך מודה: ניט דער באַלעבאָס פון דער מלוכה־לאָטעריע איז גערעכט געווען, נאָר דער שרייבער, ווייל אַ דאַנק זיין, דעם שרייבערס, גלויבן, זיין איבערצייגונג, זיין עקשנות צו גיין מיטן אויסגעקליבענעם וועג — האָט י. ראַפּאָפּאָרט געקענט דינען דער יידישער ליטעראַטור גאַנצע 50 יאָר, און מיר האָפן, אַז ער וועט עס נאָך טאָן יאָרן לאַנג.

צי האָט ער חרטה אויף דער דאָזיקער האַנדלונג זיינער? אָט אין יענעם קאַלטן פּורים־אָוונט, ווען ער שרייבט: „ער איז גערעכט געווען"? איך גלויב עס ניט...

* * *

י. ראַפּאָפּאָרט, ווי דער רוב יידישע קינדער פון זיין דור, איז דערצויגן געוואָרן אין חדר, ישיבה. די ספרים, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך די פּרינציפּן פון דער יידישער רעליגיע, האָבן געפורעמט די סאָ־ציאַלע, עטישע געפילן פון מחבר.

אָבער שוין דער ערשטער, זעלבשטענדיקער געדאַנק, וואָס האָט גענומען אויספּיקן אין קינדערשן מוחל איז געווען אַ קריטישער. דאָס יונגע ייִנגל האָט גענומען קריטיש אַנאַליזירן געוויסע אמתן פון דער תורה און מאַכן אויספירן.

אין זיין באַוואוסטזיניקן לעבן איז י. ראַפּאָפּאָרט אַ וועלטלעכער ייד, וועלכער באַציט זיך מיט פּיעטעט און דרך־ארץ צום ערלעך־גלויביקן יידן. מיר טרעפן אין בוך אַן שטילע טענער פון בענקשאַפט, טייל מאָל אפילו פון קנאה צו די דאָזיקע פרומע יידן, וועלכע קענען אַ דאַנק זייער גלויבן בלייבן גייסטיק שטאַרק, ניט געקוקט אויף פּיינלעכע איבערלעבונגען, פון וועלכע מען מוז אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג. אָבער די פאַרערונג ווערט פאַרוואַנדלט אין סאַרקאַזם, ווען דער מחבר טרעפט אָן אויף פאַלשער, אויפגעבלאָזענער, לפנימדיקער רעליגיעזער טעאַטראַלישקייט. אַזוי מאָלט ער פאַר אונדז אָט די טעאַטראַלישקייט אין קאַפּיטל „יום־כפור אויף אַ שיף מיט דייטשע פליטים".

דעם שליסל צום היינטיקן ראַפּאָפּאָרט געפינען מיר אָבער אין די קאַפּיטלעך: „אַקאָרדן פון דעם לייט־מאָטיוו" (זייט 150) און „ערשטע אויפבליצן פון סאָציאַלן באַוואוסטזיין" (זייט 168).

דאָס יונגיטשקע בחורלליידט, טייל מאָל אומבאַוואוסטזיניק, פאַר זיינע געפילן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, אָבער דאָס שטאַרקט נאָר זיין כאַראַקטער, פאַרהאַרטעוועט אים און די פּרינציפּן פון סאָציאַלן יושר ווערן דער גרונט־פּרינציפּביי וועלכן דער מחבר האַלט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

ווי זעט דער מחבר היינט דעם דאָזיקן דור פון זיין יוגנט און במילא זיך:

„אַ דור איז געוואָרן אומרואיק און האָט גענומען זוכן פאַר זיך אַ וועג אין וועגלאָזן מדבר פון זיין פאַרקריפּלטער, טראַגישער וועלט" (זייט 181).

* * *

עס איז זייער מעגלעך, אַז מיטן מענטשן אין זיין גייסטיקער עקזיסטענץ פאַסירן אָפט זאַכן ווי אין דער נאַטור. ווייסן מיר, אַז ווען מען לייגט אַ קערנדל אין דער ערד, אָדער דער ווינט פאַרווייעט עס צופעליק אין באָדן, נעמט עס וואַקסן, געדייען און עס באַקומט זיך אַ זעלבשטענדיקער געוויקס. אָט פאַר וואָס זאָל עס ניט קענען געשען מיטן מענטשן אויך אין גייסטיקן זין?

אָט האָט זיך אין מוח פון מענטש פאַרקליבן אַ מיקראָסקאָפּיש שטויבעלע, עפּעס אַ זאַך וואָס מיר קענען עס ניט זען, ניט אָנטאַפּן, און עס ליגט אַזוי לאַנג ביז עס דערפילט די ריכטיקע, גייסטיקע אַטמאָספער און עס נעמט שלאָגן וואָרצלען, שטופּן זיך צום אַרויסגאַנג, און ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, מוז דער מענטש, אין וועמענס

מוח עס צעוואַקסן זיך די אידייען — העלפן זיי אַרויסצוקומען אויף דער ליכטיקער שיין.

אָט צו דעם געדאַנק האָב איך זיך דערטראַכט, ווען כ'האָב איבער־געלייענט די צוויי אָפּהאַנדלונגען פון מחבר וועגן זיינע יוגנט־חברים: ברוך ראָזענטאַל, וועלכער „האָט ניט נאָר איינגעזען, אַז אָן אַ גאָט איז די וועלט פּוסט, נאָר ער האָט געגומען איינזען, אַז די וועלט איז ניט פּוסט, ווייל עס איז דאָ אַ גאָט" (זייט 187), און דעם פּאָטער פון זיינס אַ חבר איליוויצקי, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז — „היינט פּאַרנעמט דעם אָרט פון אַמאָליקן רעליגיעזן נאַציאָנאַליזם, אַ וועלטלעכער, וועל־כער איז נאָך אומטאָלעראַנטער פאַרן אַמאָליקן: דער גאָט איז די נאַציע גופא" (זייט 205).

ביידע, סיי ראָזענטאַל און סיי איליוויצקי, זיינען געווען פאַרליבט אין תנ"ך; אים געלערנט, ציטירט און קאָמענטירט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. קומט מיר אויס, אַז זיי האָבן עס פאַרזייט אָט דאָס קערנדל אין מוח פון י. ראַפּאָפּאָרטן, וועלכער האָט אונדז צענדליקער יאָרן שפּעטער צוגעטראָגן דאָס וואונדערלעכע ווערק פאַר וועלטלעכע יידן, וואָס הייסט — „תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס".

*　*　*

קינדער־ און יוגנט־יאָרן זיינען די שענסטע צייט אין מענטשלעכן לעבן — אָן אונטערשיד ווי לאַנג, אָדער ווי קורץ, דער מענטש האָט זיי גענאָסן, ווייל ניט אַלעמענס קינדער־ און יוגנט־יאָרן קענען גלייך געמאָסטן ווערן. עס זיינען דאָ נאָרמאַלע צייטן, ווען דאָס קינד וואַקסט אַריבער נאַטירלעכערהייט אין אַ בחורל; דאָס בחורל איז אַ מאַן. עס זיינען אָבער דאָ צייטן, ווען באַדינגונגען צווינגען אַרויף אויפן קינד — דעם דערוואַקסענעם, במילא האָט דאָס קינד ניט קיין יוגנט.

י. ראַפּאָפּאָרט האָט געהאַט דאָס גליק דורכצולעבן זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן אין זיין היימשטאָט ביאַליסטאָק. דאָרט איז ער רייף געוואָרן גייסטיק, פּאָליטיש, דאָרטן געשטעלט זיינע ערשטע טריט ווי אַ שרייבער — געשריבן יידישע און רוסישע לידער, און ביזן היינטיקן טאָג לאָזן זיך די דאָזיקע ערשטע פּאָעטישע סימפּטאָמען ניט פאַרווישן, הגם דער מחבר האָט אונדז שוין ערגעץ־וואו געזאָגט, אַז „אַזעלכע לי־דער ווי איך וויל — קען איך ניט שרייבן, און אַזעלכע ווי איך קען — וויל איך ניט שרייבן", און הגם דער מחבר פּרובירט די דאָזיקע פּאָע־טישע נייגונגען זיינע צוימען, פאַרשמידן זיי — רייסן זיי זיך אַדורך, אָט ווי מיר זעען אַ מאָל אַ געוויקס, וואָס רייסט זיך אַדורך דורך בעטאָן.

דער האַרטער בעטאָן גיט נאָך און לאָזט אַרויס צו דער זון דאָס גע־וויקס, ווייל דער כוח פון לעבן איז שטאַרקער. דאָס פּאָעטישע ריזלען, וואָס האָט זיך גענומען אַרויסשלאָגן מיט 50 יאָר צוריק אין ביאַלי־סטאָק, ריזלט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין מחבר, און לויט מיר, באַ־גייט י. ראַפּאָפּאָרט אַן עוולה לגבי דעם דאָזיקן געפיל, ווען ער לאָזט ניט דאָס שטילע ריזלען פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אַנזעעוודיקן שטראָם.

ליטעראַטור ווערט געבוירן ביים שרייב־טיש, כמעט ווי אַן אומ־שולדיקע זאַך, ווי אַן אינטימער וועלט־באַשאַף פון שרייבער, פאַרן שרייבער גופא. דער שרייבער לייזט זיך אויף אין פּראָצעס פון שרייבן — אָבער מיטן מאָמענט ווען דאָס אָנגעשריבענע באַקומט אַ קאָנקרעטע פאָרם, הערט עס אויף צו ווערן אַ טייל פון מחבר: עס נעמט לעבן אַן אייגן, אומאָפּהענגיק לעבן, פאַר וועלכן דער שרייבער קען שפּעטער ניט טראָגן קיין אחריות. אָבער זייער אָפט פּאַסירט, אַז דאָס אָנגע־שריבענע און דער מחבר שאַפן אַזאַ פּערפעקטע גאַנצקייט, אַז ס'איז זיי אוממעגלעך פאַנאַנדערצוטיילן. דער גורל פון ווערק ווערט דער גורל פונעם שרייבער.

דעריבער, ווען מיר לייענען דאָס קאַפּיטל וועגן גורל פון יידישן וויסנשאַפטלער הערשבערג (זייט 237), הערט הערשבערג אויף צו עקזיסטירן פאַר אונדז ווי אַן אינדיווידועלער מענטש — ער ווערט דערהויבן צו אַ סימבאָל. און י. ראַפּאָפּאָרט באַמערקט ריכטיק: צו אַ סימבאָל פון דער טראַגעדיע פון יידישן, שעפערישן מענטשן". דער מחבר באַמיט זיך זיינע ביאַליסטאָקער געשטאַלטן צו מאָלן זכרונות־מעסיק, דערציילעריש, אָבער דער איבערפלוס פון גייסטיקער רייפ־קייט פאַרוואַנדלט די זכרונות־דערציילונגען אין עסייען, אין אָפּהאַנד־לונגען, וואו עס קומט צום אויסדרוק ניט נאָר די באַהאַנדלטע פערזאָנען גופא, נאָר אויך די אַטמאָספער, די איבערצייגונגען און געפילן פון מחבר.

אין דעם הערשבערג־עפּיזאָד באַקומען מיר ניט נאָר אַ בילד פון הערשבערגן, דעם וויסנשאַפטלער, וועלכער איז אגב ווייניק באַקאַנט דעם היגן לייענער — מיר באַקומען אויך אַ רענטגען־בילד פון אינער־לעכן ראַפּאָפּאָרט. עס נעמט זיך דוכטן, אַז דער גורל פון ראַפּאָפּאָרטן פון היינט פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פון דעם גורל פון הערשבערגן פון אַמאָל (זייט 242).

און וויפיל איך באַמי זיך ניט צו טראַכטן אַנדערש, צו רעזומירן אַנדערש, שמידט מיך אָבער דאָס זייטל 242 צו צום דאָזיקן געדאַנק,

און איך קען זיך ניט באַפרייען פון אים — דעם געדאַנק פון דער טראַגעדיע פון יידישן שעפערישן מענטשן.

* * *

יעדער טייך פליסט אַרויס פון אַ קליין ריטשקעלע, אַ קוואַל, און ווערט שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ שטראָמיקן טייך, אין אַ כוח, אין אַ מעכטיקער באַוועגונג וואָס טראָגט שטראָמען אין אַ קאָנקרעטער ריכטונג. עפּעס פאַרמאָגט דאָס קוואַלעכל דעם מיסטעריעזן כוח, וואָס נעמט וואַקסן, זיך שטאַרקן מיטן פליסן.

עפּעס ענלעכס קומט פאָר מיט פּאָליטישע באַוועגונגען: די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, דער „בונד". שילדערט אונדז דער מחבר אָט יענע לעגענדאַרע צייט, די צייט פון געבורט פון גרויסע אידייען — די צייט ווען דאָס קוואַלעכל נעמט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מעכטיקן שטראָם. אידייען וועלכע האָבן איבערגעשמידט די געשיכטע, געלייגט זייער שטעמפּל אויף איר — אָט ווי דער טייך, וואָס שווענקט אָפּ די שטערונגען פון זיין פליסן.

די פּאָליטישע באַוועגונג, אין וועלכער י. ראַפּאָפּאָרט האָט זיך אָנגעשלאָסן, האָט געהייסן „צעירי־ציון". יאָרן שפּעטער איז פון דער גרופּע אויסגעוואַקסן די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־ציוניסטן. און אָט די גרופּע האָט געשאַפן אַ יידישע שול מיט אַ קאָנקרעטער פּראָגראַם. ניט לאַנג האָט עקזיסטירט די שול, אָבער דער פּראָגראַם, אויסגעאַרבעט פאַר דער שול, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געדינט ווי אַ באַזיס פאַר דער פאַרצווייגטער יידיש־וועלטלעכער שול אין פּוילן. אַזוי אויך די צייט פון ערבֿ־„הבימה". דער גרינדער פון „הבימה", צמח, בעט זיך ביים יונגן בחור ראַפּאָפּאָרט צו ווערן סופלאָר פון אַ העברעאישן טעאַטער־קרייז. ראַפּאָפּאָרט זאָגט זיך אָפּ. עטלעכע יאָר שפּעטער ווערט אין מאָסקווע, פון זעלבן צמח, געשאַפן די שוין היינט אָנערקענטע און באַרימטע „הבימה".

* * *

דער מחבר האָט אַ צוגעבונדנקייט צו ביכער, ניט נאָר צו זיינע, נאָר צו ביכער בכלל, וועלכע י. ראַפּאָפּאָרט באַטראַכט כמעט ווי לעבעדיקע וועזנס — עפּעס אַ זאַך, וועלכע די געזעלשאַפט קען ניט אַריינוואַרפן אין אַ קעלער אָדער פאַרשטופּן אויף אַ בוידעם און פּטור. ביכער זיינען אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון קולטור־לעבן פון אַ פאָלק. ביכער

האָבן זייער באַשטימטן אָרט אין דער געזעלשאַפט. און דער מחבר האָט שוין אין זיין פריער יוגנט געפירט אַ קאַמף קעגן די וואָס האָבן געוואָלט מינערן דאָס אָרט, אָדער דעם ווערט, פון יידישן בוך.

עטלעכע קאַפּיטלעך אין בוך ווידמעט דער מחבר די קאַמפן פאַר דער חשיבות פון בוך. די ביבליאָטעק־קאַמפן האָט דער מחבר געפירט מיט ליידנשאַפט און אַ דאַנק אָט דער ליידנשאַפטלעכער עקשנות זיינען אין ביאַליסטאָק געווען — ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה — גוט־אויסגעשטאַטע ביבליאָטעקן. דער מחבר האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ ביבליאָטעק — דאָס איז דער אוניווערסיטעט פאַרן יידישן יוגנטלעכן, דאָס איז דער קוואַל פון וויסן, פון וועלכן ער קען שעפּן. קולטור מיינט פאַרן מחבר גאָר אַ סך, אין אַלע פאָרמען, און תמיד איז ער גרייט צו קעמפן דערפאַר קעגן די, וועלכע ווילן מינימיזירן די באַדייטונג פון קולטור אין לעבן פון פאָלק.

* * *

דאָס אָרט, וואו דאָס וויגל איז געשטאַנען, רופן מיר אַן געבוירן־אָרט. און ניט וויכטיק איז ווי לאַנג אַ מענטש איז שוין אַוועק פון זיין געבוירן־שטאָט, פון הויז פון זיינע עלטערן. עס מאַכט ניט אויס, וויפיל יאָרצענדליקער דער מענטש האָט דורכגעמאַכט אויסער זיין היים־שטאָט. דאָס געפיל וויל ניט וויסן פון מאַטעמאַטישן חשבון. דאָס געפיל בענקט מיט אַלע זיינע קרעפטן צו אָט דעם אָרט, וואו דאָס וויגל איז געשטאַנען. די יאָרן, דער צייט־אָפּשניט פאַרוויקלען עס בלויז אין אַ ראָמאַנטישן שלייער, און דורך דעם שלייער ווערט די יוגנט — די ווייט פאַרגאַנגענע — אַזוי וואַרעם־נאָענט, אַז עס ווילט זיך פשוט אויסציען די הענט און אַרומנעמען זי, צוטוליען זיך צו איר וואַרעמער, צאַרטער ראָמאַנטיק.

די קראַפט פון שרייבער באַשטייט ניט נאָר אין קענען אַליין נאָך אַ מאָל דורכלעבן די דאָזיקע געפילן און אַרויסברענגען זיי אין שריפט. די קראַפט פון שרייבער באַשטייט אין צווינגען דעם לייענער מיטצו־לעבן, איבערצולעבן, און צוזאַמען מיטן מחבר בענקען נאָך דער פאַר־שוואונדענער יוגנט.

און כאָטש י. ראַפּאַפּאָרט איז באַקאַנט ווי אַן עסייאיסט און קרי־טיקער, האָט ער אין בוך „פראַגמענטן פון אַ לעבן", אין די ביאַלי־סטאָקער עפּיזאָדן באַוויזן אונדז צוריקצוברענגען צו דער קינדהייט, צו

דער יוגנט, אָט יענע ראָמאַנטישע, אידעאַליסטישע צייטן, ווען יעדער יוגנטלעכער האָט געטרוימט צו זיין אַ וועלט־דערלייזער, האָט געטרוימט אַוועקצוגעבן זיין לעבן — דאָס שענסטע וואָס ער פאַרמאָגט — פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע מענטשהייט־דערלייזערישע אידעאַלן.

צו דער גאַלעריע ביכער פון י. ראַפּאָפּאָרט איז צוגעקומען ניט נאָך אַ בוך, נאָר נאָך אַ דימענסיע, נאָך אַן אויסמעסט, אַ בוך וואָס באַפרידיקט אונדזער עסטעטישן געשמאַק. מיר זעען דאָ דעם שרייבער, דעם שעפערישן מענטשן אין דער געשטאַלט אין וועלכער מיר ווילן אים זען.

ווייל י. ראַפּאָפּאָרט דער מענטש האָט ניט פאַרשעמט ראַפּאָפּאָרטן דעם שרייבער. און דאָס איז אַ ביז גאָר הויכע מדרגה, מיט וועלכער ניט פיל שרייבער, באַרימטע נעמען אין דער ליטעראַטור, קענען זיך גרויסן.

אינהאַלט

נוסח י. ראַפּאָפּאָרט (פאָרוואָרט) — — — — — — — 5

דער מענטש איז געבליבן גאַנץ — — — — — — — 7

„אויסגעריסענע בלעטער"

מידת הדין — — — — — — — — — — — 17

„פייערלעך אין געפּל"

אַ בוך פאַר וועלטלעכע יידן — — — — — — — 23

„תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס"

אויף די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור — — — — 29

„זוימען אין ווינט"

דיכטונג — דאָס גייסטיקע ברויט — — — — — — 37

„מהות פון דיכטונג"

מענטש און געווויסן — — — — — — — — — 49

„פראַגמענטן פון אַ לעבן"

ביכער פון מ. אייזענבוד :

„געלעבט הינטער קראַטן" (נאָוועלע).

„ניעסוויזשער יידן" (דערציילונגען).

גרייט צום דרוק:

„אַליין אין געזעמל" (דערציילונגען).